STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02223

SHULAMIT, ODER, BAS-YERUSHOLAYIM

Abraham Goldfaden

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שולמית

אדער

בת־ירושלים

איינע מוזיקאלישע מעלאדראממא אין ריימען און אין
4 אקטען און 15 בילדער

פערפאסט פאן

אברהם גאלדפאדען.

(דיא מוזיק, דיא קאסטיומען און דיא דעקאראציאנען צוא דער פיעסע זענען
צוזאממענגעשטעלט פון דעם מחבר).

היברו פאבלישינג קאמפאני
34־632 בראדוויי, ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY
632-34 Broadway, New York

Printed in United States of America

Дѣйствіе 1-е Картина 1 я

Пиллигримы въ Іерусалимъ!

Дѣйствіе 1- Картина 2 я

Заблудившаяся въ пустынѣ.

Дѣйствіе 1-е Картина 3 я

Дикая кошка и колодезь, или нѣмые свидѣтели

Дѣйствіе 2-е Картина 4 я

Забавныя игры въ виноградникахъ Іерусалима

Дѣйствіе 2- Картина 5 я

Вѣнчаніе подъ пальмой

Дѣйствіе 3- Картина 6 я

Вопль Суламиѳи, или буря въ пустынѣ!

Дѣйствіе 3-е Картина 7 я

Жребій

Дѣйствіе 3-е Картина 8 я

Она съ ума сошла!

Дѣйствіе 3-е Картина 9 я

„Утонуло“!

Дѣйствіе 3-е Картина 10 я

Перстъ Божій

Дѣйствіе 3-е Картина 11 я

Виѳлеемскіе пастухи.

Дѣйствіе 4-е Картина 12 я

Натуральное эхо

Дѣйствіе 4-е Картина 13 я

Магнетическіе звуки

Дѣйствіе 4-е Картина 14 я

Голосъ изъ храма.

Дѣйствіе 4-е Картина 15 я

Торжественная процесія въ Іерусалимскомъ храмѣ.

Дѣйствіе происходитъ въ Виѳлеемѣ и въ Іерусалимѣ.

1 אקט 1 בילד

די עולה־רגל קיין ירושלים

1 אקט 2 בילד

די פערבלאנזשעטע אין דער מדבר

1 אקט 3 בילד

די ווילדע קאץ און דער ברוננען – אדער – די שטוממע עדות.

2 אקט 4 בילד

דער לוסטיגער אונטערהאלט אין די וויינגערטנער אין ירושלים.

2 אקט 5 בילד

די פערלאבונג הינטער די פאלמענבוימר

3 אקט 6 בילד

שולמיתים פערצווייפלונג – אדער דער שטורם אין דער וויסטע.

3 אקט 7 בילד

דער גורל.

3 אקט 8 בילד

די איז פונים זינען געווירט.

3 אקט 9 בילד

דערטריינקען געווארין.

3 אקט 10 בילד

אצבע אלהים.

3 אקט 11 בילד

די פאסטוכער פון בית־לחם.

4 אקט 12 בילד

דאס נאטורליכער ווידערקול.

4 אקט 13 בילד

די מאגנעטישע טהענע.

4 אקט 14 בילד

א קול פון בית־המקדש.

4 אקט 15 בילד

די פייערליכע פראצעסיאן אין בית המקדש.

(די געשיכטע קומט פאר אמאהל אין בית-לחם אמאהל אין ירושלים)

Дѣйствующія лица

Моноахъ, Виѳлеемскій старожилъ
Суламиѳь, его дочь
Абисаламъ, молодой воинъ изъ потомокъ Маккавеевъ
Цингитангъ, его слуга (дикарь)
Ананя, другъ Абисалама
Абигаиль, дочь священника
Ципоро, кормолица

Женихи Суламиѳь:
Іоэбъ Гидони воинъ
Абинодабъ молодой помѣщикъ
Натанъ священникъ

Виѳлеемскіе пастухи:
Овадія
Азріэль
Эліазарь

Пиллигримы, юноши, дѣвушки, танцовщицы, женихи, плакальщицы, пастухи, священники, левиты, знаменоносцы, факеленосцы—народъ.

פערזאנען.

מנוח. איין אלטער בירגער פון ב״ל-לחם
שולמית. זיין טאכטער
אבשלום. א יונגער העלד פון דעם שטאם מכביער
צינגיטאנג אבשלום'ס דינער (אווילדער)
חנניה. אבשלום'ס פריינד
אביגיל. א כהן'ס טאכטער
צפורה. איהר נאם

אבשלום'ס חתנים:
יואב גדעוני א יונגער העלד
אבינדב א רייכער יונגער גוטס-בעזיטצער
נתן א סגן הכהן

פאסטעכער פון בית-לחם:
עובדיה
עזריאל
אליעזר

עולי-רגל, בחורים, בתולות, טענצער חתנים, נשים המקוננות, פאסטעכער, כהנים, לויים, פאהנענטרעגער, פאקעל-טרעגער — פאלק.

דיא תלמודישע לעגענדע (תענית ח') איז בעארבייטעט געווארין אין דער יודישע דייטשער, רוססישער, הייברעישער שפראכע, אלס ערצעהלונג פון פערשיעדענע מחברים — אם בעסטין איז דאס געלונגען מיין נאטט-זייליגען שוויגער-פאטער דעם בעריהמטען יודישען געלעהרטען אונד דיכטער אליהו מרדכי ווערביל ז״ל. וואס האט דיא לעגענדע מוסטערהאפט בעארבייטעט אין העברעשין אלס פאעמא אין גערידטע, מיט דעם נאמען „עדים נאמנים״ — יעצט צום ערשטען מאהל פאר דער ביהנע פון מיר בעארבייטעט

1 אקט

1-טע סצענע

1 בילד שטעלט פאר א וויסטע: אסך גרויסע אונ קליינע בערג—רעכטס אונ לינקס זעהט מען וועגען. א סך יודען אלטע אונ יונגע שטעהן מיט פעקליך אויף דיא פלייצעס אונ שטעקינס אין דיא הענד. צווישען זיא שטעהט דער אלטער מָנוֹחַ מיט זיין טאכטער שׁוּלַמִית—דיא אללע יודען. וואס געהן פון בית—לחם עולה רגל זיין קיין ירושלים. זינגען:

אַנְגֶעלָאדֶען מִיט אַלְל דֶעם גוּט,
מִיט דִיא שְׁטֶעקִינְס אִין דֶער הַאנְד,
שְׁפַּאנְנֶען מִיר אִין דֶער מִינוּט
צוּ אוּנְזֶער הֵיילִיג לַאנְד! —
דֶער טְרָאגְט פְּרָאדוּקְטֶען, אוּנ דֶער רִינְדֶר,
צוּ מַקְרִיב זַיין פַאר זַיינֶע זִינְד.
אוֹיף דֶער מִיכֶלֶער גְרַאד,
טְרָאגְט גָאלְד, זִילְבֶּער אוּנ זַייד.
אַ מַתָּנָה בְּרֵיינְגְט יֶעדֶער זַיין סְחוֹרָה,
מִיט פְרֵייד אִין הַארְצִין פִילל,
מִיט לִיעבֶּע, מִיט טְרֵייעַ מִיט מוֹרָא
זִיךְ צוּ בִּיקְען פַאר גָאטְט'ס שְׁטִיל! —
אָה וִויא בִּיסְטוּ, אָה וִויא בִּיסְטוּ דוּא הֵיילִיג צִיוֹן!
כִּיר ווינְשֶׁען גִיךְ, מִיר בֵּייגֶען אַללֶע דִיךְ צוּ זֶעהֶען שׁוֹין! —
באַלְד וֶועלְלֶען מִיר הֶערֶען לִיעדֶער
אִין בֵּית אֱלֹהִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער
כֹּהֲנִים אוּנ לְוִיִּם! —
קוּמְט זֶשֶׁע גִיכֶער אִין אֵיינֶם זִיךְ בֶּענְשֶׁען
אַהִין, אַהִין, יָאה, יָאה, קֵיין יְרוּשָׁלַיִם!
פְרֵיילִיךְ, פְרֵיילִיךְ אִיהר עֶהרְלִיכֶע מֶענְשֶׁען!

זינגט א שיר גאר א נייעם!
יא קינדער גיבר! גיבער, קינדער, גיבער!
גיבער, קינדער, גיבער אין וועג אבאן! —

(אללע ווינשען זיך צו. ארויפגעהענדיג אויף דיא בערג און זינגען דעם מארש)

יברכך ד׳ וישמרך
ד׳ יצליח דרכיך
ויביאך לציון בית עירך שלום!.

(אללע פערליערען זיך לינקס נאר מנוח בלייבט נאך אביסעל שטעהן און ווענדעט זיך צו זיין טאכטער).

מנוח גענוג טאכטער, גענוג מיך באלייט! —
קער זיך אום אהיים, עס ווערט שוין שפעהט —

שולמית — ניין, ליעבער פאטער, דערצו קענסטו נים נייטען
דיין טרייע טאכטער וואס ווינשט דיך צו באלייטען —

מנוח געה צוריק, טאכטער, א טאטען דארף מען הערען,
דיא וויסטע איז ווילד — קענסט נאך פערבלאנזעט ווערען —

שולמית גענוג געזונד פאטער! (זיא נעהמט אים ארום און ער זיא, זיא געזעגנען זיך — מנוח געהט אוועק)

---

2 בילד 2 סצענע

(שולמית שטעהענדיג אויף דעם בארג קוקט נאך דעם פאטער — זיא הייבט אויף דיא הענד און בענשט איהם פון ווייטען — זיא לאזט זיך אראפגעהן פון דעם בארג. און קוקט זיך אלץ נאך צו צייטען אום אין דער זייט וואו דער פאטער איז אוועק געגאנגען — זיא געהט ווייטער פארטראכט! — פליצלינג קוקט זיא זיך אום. און בעמערקט וויא זיא האט אראפגעבלאנזעט פונ׳ם וועג — זיא פרוווט צוגעהן לינקס, קוקט זיך צו פון ווייטען און האפט זיך צוריק)

הא? — יאה! — דאכט מיר דארט דורך דעם בארג?
הא — ניין! — עס איז קיין וועג — מענשען געהן דארט קארג! —

(זיא געהט צו רעכטס, קוקט זיך אום און בלייבט פליצלינג שטעהן)

דיא וויסטע איז ווילד: נאר זאמד, און דיא הייסע זונן! —
איך זעה קיין וועג, איך ווייס נים וויא איך בין —...

(זיא לאזט זיך ווידער צו נעהן לינקס, אונ האפט זיך צוריק)

קיין בית-לחם איז נאך ווייט — ווייט גאר אן א שיעור
איך בלאנזשע יעצט? — גאטט! — וואס וועט זיין מיט מיר? —

(זיא פערשטעלט זיך מיט דער האנד דאס פנים פון דער זונן)

גיין ליכטיגע זונן, ווען דוא קענסט אויבען שטעהן
אונ מיר קיין וועג צו ווייזען, וויהין איך זאל געהען,
נעהם, וועניגסטענס, צו פון מיר דייניגע ברענענדיגע שטראהלען!
בוואר מיר ניט מיין קאפ מיט דיינע הייסע פיילען!

(זיא ווערט מיד אונ געדט צו שוואך צום שטיין וואס ליגט רעכטס)

איך בין מאט — איך בין שוואך, — עס ברענט מיר דיא ברוסט
דיא צונג טריקענט מיר — אך! — איך שטארב פאן דורסט

(זיא פאלט אויף דעם שטיין ענטקרעפטעט אונ זינגט שוואך)

איך בייט דיך דוא גרויסער שטארקער גאטט
וואס דוא האסט געהאלפען דיין פאלק אמאהל,
ווען ער האט אין דער וויסטע קיין טרינקען געהאט
האסטו איהם וואססער צוגעשיקט אן צאהל;
לאז זשע זיין גם, דא, מיט מיר אויך געשעהן,
לאז מיך, פאר דארשט, דא, ניט שטארבען, דערגעהן,
אך, — עס איז דאך נעהער, וועהער א ביטטערער טויט;

געווינען אמאהל האט דיא גרויסע שלאכט,
שמשון הגבור, גאר אן א שווערט;
שוואך, איז ער געווען, מיד אונ פארשמאכט —
האסטו איהם אויך וואססער גיך באשערט;
לאז זשע זיין גם א. ז. וו.

דאס רחמנות האט הער נישט געקענט צו זעהן,
וויא פון דארשט קוועהלט זיך איהר פיצעלע קינד,
עס זאל האטש פאר איהרע אויגען נישט דערגעהן!

וואַרפט זיא עס אַוועק, און — דערזעהט אַ קוואַל געשווינד,
לאַז זשע ברין נס א. ז. וו.

(זיא פאלט אהן כח אויף דעם שטיין — איינינע מאהל בעשטרעבט זיא זיך אויף צו הייבן; אבער שוואך פון דורשט, מיט דעם טויט קעמפענד פאלט זיא יעדעס מאהל צוריק — ענדליך נעהמט זי צוזאממען איהרע לעצטע קרעפטען און קוקט זיך ארום — דערזעהט זיא אברינען — זיא גלייבט זיך אלץ נאך ניט דיא אויגען, זיא זינגט עטוואס איבערראשט)

אַך וואָס זעה איך דאָרט, איך גלייב מיר ניט דיא אויגען,
צו איז דאָס אַ טרוים? — אַ ברוננען זעה איך, פאָרט, —
ניין דאָס איז קיין טרוים, ער איז אַוועק געפלויגען,
אַ ברוננען, יאָ, מיט וואַססער, זעה איך דאָרט; —

(זיא הייבט זיך אויף פון איהר פלאטץ לאנגזאם, געהט צו צום ברוננען טאפט איהם אן מיט דיא הענד, און אז זיא איבערציינט זיך, זינגט זיא נאכאמאהל דאס זעלבע נאר מונטערער — זיא בייגט זיך אן צום ברוננען, ציהט ארויס א שטריק און דער שרעקט זיך, ווייל זיא געפינט קין עמער דארט)

הא! וואָס זעה איך? — קיין עמער? נאָר אַבלויזער שטריק!
אָה אַ שיינעס שפּאַס שפּיעלט מיט מיר דאָ דאָס גליק!

(זיא קוקט אריין אין ברוננען)

וואָס? — דער לויטערער קוואַל שפּיגעלט זיך, רייצט זיך מיט מיר?
„קענסט מיך ניט בעקוממען“, — רוישט ער — „איך בין וייט פון דיר!“
ניין! — מיין ליעבער גאָטט האָט מיך ניט אָפּגענאַרט,
ער וויל איך זאָל טרינקען אויף אַזאַ אַנדערבאַרער אַרט...
אַ נס איז דאָס! — מיט נסים זאָל עס געהן!
איך לאָ מיך אַראָפּ — און וואָס געשעהן, זאָל געשעהן! —

(זיא בינד זיך ארום מיט דעם שטריק און לאזט זיך לאנגזאם אראפ אין ברוננען)

---

3 בילד 3 סצענע

(רעכטס צווישען דיא טיעפע בערג הערט מען זינגען יעמאנדען אין אראבישען מאטיוו — דיא שטיממע קוממט אללע מאהל נעהענטער, ביז עס ערשיינט אבישלום מיליטעריש נעקלייט — נאך איהם געהט זיין ווילדער קנעכט צינניטאנג, טראגט א פעקיל אין דער האנד מיט ראזינקים און מאנדלין, און אויף דיא פלייצים אשלויד פון

(וואססער — וויא נערין אראפ פון דעם בארג, אבישלום זעצט זיך אויף דעם שטיין)

אבשלום נא ציגנטאנג! — זעהסט וויא איך וויים גוט! —
אין דער געגענד בין איך שטארק געניט,
איך האב געוווסט, דא דארף זיין א ברונגען,
גין, צובינד דאס פעקיל, וואס איז דא דרינגען? —

ציגנטאנג אה אה, ראזינג, אה, אה, מאנדיל אה אה,

אבשלום נא אונ קיין פייגען איז נישטא אה אה?

ציגנטאנג נע — אה אה,

אבשלום נא געה זשע גיך, דוא ווילדע זאך,
געה, דארט מיט דעם בערגיל גייך,
ווערסטו, זעהן אזאך, ביימער מיט גרויסע צווייגען,
פליק מיר אפ פון דארט אפאר פרישע פייגען —

ציגנטאנג איך — בוים געה — גרוים, צווייג?
פליק, פריש, עס דיר פייג?

אבשלום נא געה גיך — יאה,

ציגנטאנג גיך געה, אה אה (ער שפרינגט אוועק—)

---

4 סצענע

אבשלום ביז איך רוה מיך ניט אוים געה איך ניט פון דאנען,
קיין ירושלים איז נאך ווייט צו שפאנען,
וואסער איז דא ס'איז זעהער רעכט
דאזשינקעם מיט מאנדלען — ס'איז אויך ניט שלעכט

(ער צובינדט דאס פעקיל)

ראזינקעם מיט מאנדלען — עס ערינערט מיך אין
דעם ליעדעלע
מיט וואס בת-ציון האט פערוויעגט איהר בן יחיד יודעלע — *)

---

*) חאטש דאס ליעד איז נישט דא דאס פלאטץ דערפון — נאר איך האב עס דער פאר אהער אריינגעשטעלט וויל דעם פובליקום איז דאס זעהער ליעב, אונ בעקאנט

1.

אין דעם בית המקדש, אין א ווינקעל חדר,
זיצט די אלמנה בת-ציון אליין,
איהר בן יחידיל. יודעלען, וויגט זיא כסדר,
און זינגט איהם צום שלאפין א ליעדעל שיין: אללא:
„אונטער יודעלעס וויעגעלע
„שטעהט א קלארווייס ציעגעלע,
„דאס ציעגעלע איז געפאהרען האנדלען,
„—דאס וועט זיין דיין בערוף;—
„ראזשענקים מיט מאנדלען.
„שלאף זשע, יודעלע. שלאף!—

2.

אין דעם ליעדעל מיין קינד, ליגט פיעל נביאות:
אז דוא וועסט אמאהל זיין צו זעהט אויף דער וועלט.
אין סוחר וועסטו זיין פון אללע תבואות,
און וועסט אין דעם אויך פערדיענען פיעל געלד- אללא!
און אז דוא וועסט ווערין רייך יודעלע
זאלסט זיך דערמאנען אין דעם לידעלע:
ראזשענקים מיט מאנדלען!
—דאס וועט זיין דיין בערוף—
יודעלע וועט אלץ האנדלען!
שלאף זשע יודעלע שלאף!

3.

עס וועט קוממען א צייט פון ווערטפאפירען!
באנטארען וועלען זיין אין דער גאנצער וועלט
דער גרעכטער וועסטו זיין פון די באנקירען
און וועסט אין דעם אויך פערדינען פיעל געלט— אללא!
און אז דוא וועסט ווערין רייך א. ז. וו.

4.

עס וועט קומען א צייט פון אייזענבאהנען!
זיי וועלן פארפלייצען א האלבע וועלט:
אייזערנע וועגען וועסטו אויסשפאנען
און וועסט אין דעם אויך פערדיענען פיעל געלט
און אז דוא וועסט . . . א. ז. וו.

(ער זינגט אפ — ליגט אוועק דאס פעקיל און דעם שלויך אין דער האנד)

שוין! — א ביסעל געגעסן — אפילו ניט אזוי זאטט,
פערטרינקען מיט וואססער וואלט אויך ניט געשאט —

(ער הייבט זיך אויף צו-געהן צום ברוננען — און ווי ער בייגט זיך אן אנצונעהמען וואססער — דערהערט ער א געשרייא פון דעם ברוננען פאר שרעק לאזט ער ארויס דעם שלויך פון דער האנד און שפרינגט צוריק פון דעם ברוננען — זינגט)

הא, וואס הער איך?
א קול פון א רוח! —

שולמית. (פונם ברוננען) ווער איז דארט? איך וועל אייך בענשען!
באטעוועט ארויס א מענשען!
האט רחמנות און נעהמט מיך ארויס,
האט רחמנות און נעהמט מיך ארויס! —

אבשלום. (אליין דערשראקין — טרעט צוריק) ווער ווייסט וואס דארט
ליגט פאר א ליץ? —
רופט מיך צו פאר נארען אין זיין נעטץ! —

שולמית. (פון ברוננען) ניין, האלט מיך ניט פאר קיין ליץ — איך
בין א מענטש גלייב זשע מיר!
געבוירען פון פלייש און בלוט בין איך אזוי גלייך מיט דיר-

אבשלום. נא גיב מיר א סימן, און רוף מיר אן דעם
נאמען „גאטט!"

שולמית. — אט האסטו א סימן איך רוף דיר אן דעם נאמען
„גאטט!"

אבשלום. — שווער מיר!

שולמית. איך שווער דיר ביי גאטט,

אבשלום. שְׁוֶוער מִיר! —

שולמית. אִיךְ שְׁוֶוער דִיר בַּייא גָאטט, בַּייא גָאטט!

אבשלום. [אביסעל בערוהיגט געהט צו צום ברוננען קוקט אריין אין איהם אונ דער זעהט שולמית ער פערווינדערט זיך אונ זינגט צופריעדען]

אַךְ, סְ'אִיז אַמֶענְשׁ? — נָאךְ אַ מֵיידְכֶען דֶערְצוּ!
יוּנְג וִויא דֶער פְרִיהְלִינְג — וִויא אַ שְׁטֶערְן שַׁיינְט זִיא!
אַוַודַאי אִיז אֵיין עֲבֵירָה אַזוֹינְס לָאזֶען אוּמְקוּמֶמֶען
שְׁרֶעק דִיךְ נִיט, קְרֶענְק דִיךְ נִיט, בִּיסְט שׁוֹין נִיט [illegible]ִיט
יֶעצְט טְהוּט מִיר שׁוֹין הֲנָאָה מִיט מַיין אַהֶערְקוּמֶמֶען
אִיךְ זָאלל דִיר יֶעצְט קֶענֶנען שְׁטֶעהְן אִין דֶער נוֹיט.

5-טע סצענע

(ער שלעפט זיא ארויס ביים שטריק פון דעם ברוננען — זיא איז בלאסס — זיא טוהט איין קוק אויף איהם, דער נאך ווענדעט זיא דיא אויגען צום היממעל פאלט אויף דיא קניע אונ דאנקט גאטט — אין דער צייט שטעהט אבשלום, קוקט זיך צו צו-איהר אונ בעווינדערט איהר שעהנהייט זינגט אויך) דועט—

שוּלַמִית

אִיךְ דַאנְק דִיר גָאטט נָאר אָהן אַ צָאהְל,
וָואס דוּא הָאסְט דַיין נֵס מִיר בֶּעוִויזֶען צְוֵוייא מָאהל:
דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהְל פוּן דֶעם דָארְשְׁט שִׁיעוּר דֶערְשְׁטִיקְט,
הָאסְטוּ מִיר דֶעם קְוַואל וַואסֶּער צוּגֶעשִׁיקְט;
נָאר בַּאלְד הָאט עֶר מִיךְ גֶעוָואלְט אַיינְשְׁלִינְגֶען וִויא אַלֵייבּ —
אֵיין קוּק פוּן דִיר — — אִיךְ לֶעבּ!

אַבְשָׁלוֹם

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

אַךְ, גָאטט, וָואס זֶעה אִיךְ? —
וָואס פַאר אַבְּרִילִיאַנְט?
זִיא בְּלֶענְדֶעט מִיךְ נָאר, וִויא אַדִיאַמַאנְט? —
וָואס פַאר אַ צוֹיבֶּער אוּמְשְׁוֶועבְּט מִיךְ אַצִינְד!
אִין דֶער וִוילְדֶער וִויסְטֶע — אַזַא בְּרייצֶענְד קִינְד; —

(ער געהט צו צו-איהר , לאנגזאם און הייבט זיא אויף — זיא בלייבט שטעהן איינגע
מינוטען און באטראכט אבשלם ען ענדליך זאגט זיא צו-איהם)

דאס ביסטו עס . גאטס מלאך , אין געשטאלט פון א מענשען ?
דאס ביסטו זיין שליח ? גאט זאל דיך בענטשען !
דיך , האט ער צוגעשיקט מיר שטעהן אין מיין נויט ,
ווען איך האב מיך געראנגעלט מיט דעם שרעקליכען טויט ;
נעהם זשע פון מיר דאס קליינע געשאנק :
פון מיין טיעפסטען הארצען דעם בעסטען דאנק —

אבשלום. נישט מיר קוממט דער דאנק — דעם דאנק פערדינט
דער ,
וואס מיט זיין שליחות האט ער מיך געשיקט אהער !...
דאס האט שוין דיין חכמה ארויסגעזעהן גלייך .
און האסט איהם באלד אויף דיא קניע געגעבען זיין שבח —.
איך — האב נאר ערפילט דעם חוב פון א מענשענס זוהן ,
וואס יעדער מענש אין אזא פאלל . דארף אזוי צו טהון :
איך האב גערעטעט א מענשען פון זיין נויט ! — און דערפאר
האב איך נישט געהאפט און ווינש ניט קיין שכר —
נאר דעם שכר פאר דער מצוה איז געקוממען פון זיך אליין .
ווייל אנשטאט א געוועהנליכען מענשען — וואס האב איך דערזעהן ?
וואס האב איך געפונען אונפערהאפט . אונבעקאנט :
א שטיק גאלד אין דער וויסטע — אין זאמד א בריליאנט ! —
זאג , שיינעס קינד , וועלכער צופאלל . אדער ווער ,
האט דיך געבראכט אין דער ווילדער געגענד אהער ! —

שולמית. מיט אללע יודען פון בית לחם וואס זענען געגאנגען ,
אין אונזער שטאט ציון דעם יום טוב עמפאנגען
איז געוועזען צווישען זייא אויך מיין פאטער מנוח ,
איהם צו באלייטען בין איך נאכגעגאנגען אויך ;
איך האב מיך געזעגענט , און וויל אהיים געהן צוריק —
נאר — גיין ! — צוגעבינדען האט מיך פון ווייטען דערבליק ,
וויא דיא אללע עולה רגל שפאנען פרייליך אין איינעם ,

וויא אללע זענען בעגייסטערט פון דעם געדאנק דעם ריינעם
או, אט באלד וועלען זייא דערזעהן דאס הייליגע מלוכה,
דאס שיינע ציון וואס ער האט אויסגעוועהלט צו זיין מנוחה...
באלד וועט זייא אין דיא אויגין וויא שטראהלען בליטצען
פון בית־המקדש, הויכע טורעמס, גאלדענע שפיטצען,
באלד וועלען זייא קניען אין טעמפעלס הויכע האללען,
פון דיקפערגאלדעטע ווענט, און מארמארנע זאללען,
באלד וועלען זייא זעהן דיא כהנים ביים מזבח,
באלד וועלען זייא שמעקין פון דיא בשמים פרישען ריח,
באלד וועלען זייא הערען דיא לוים שיין געזאנג,
פון שופרות, פויקען, און הארפען זיסער קלאנג! —
אה, יעקב וויא שיין איז דיין געצעלט, דיין וואהנונג ישראל!
אה, ווען איך זאלל זוכה זיין דאס וויעדער זעהן אמאהל! —

אבשלום — דיין וואונש קען זיין ערפילט — דיא נאך איז נים
אזוי גרוים! —

שולמית שלאג מיר נישט איבער — הער ווייטער מיך נאר אויס;
בערויבט פון דער זיסער אידע. פון דעם הייליגען געפיהל.
האב איך פארגעססין וויא איך געה — פארלוירען — מיין ציעל
און האב אראפגעבלאנזעט פון וועג — איך קוק מיך ארום,
איך שטעה אין א וויסטע — נאר זאמד אומעטום,
פון אויבען ברענט דיא זון, דער דארשט — פון אינווענינ,
קיין טראפפען וואססער, חאטש מיט דעם לעבין ענדיג,
פליצלינג — דערזעה איך א ברוננען — נאר קיין עמער איז ניטא
איך לאז מיך אראפ אויף גזימס באראט אין א גוטער שעה.
דער קוואל האט מיך דערקוויקט און האב ניט געהאט אין זינען
וויא איך וועל ארויס! — אדא האסטו מיך גיפונען! —

אבשלום. יא געפונען האב איך דיך אונ דוא האסט זיך געוואונען — .
נאך מעהר וואס איך האב געהאפט האב איך אין דיר געפונען
נישט ווערטער שיט דיין מויל נאר שיינע פעריל, אוים,
פון דיינע ליכטיגע אויגען שיינט חכמה פיעל ארוים,
אונ אויף דיין גאלדענעם שטערין שטעהט דייטליך טיעף גראווירט
דיינע ריינע אונשולד, מיט מעלות פיעל פונקטירט!...
אונ אז איך האב דיך גיפונען מן הסתם האב איך דיא ווערטה
יא, יא, דוא שעהנעס קינד, נאר מיר ביסטו באשערט! —

שולמית. דיין נאהמען וויל איך וויסען — אויך פון דיין משפחה!

אבשלום. מיין נאמען איז אבשלום אין מיין הויז ליגט דיא ברכה,
מיין משפחה איז אין ירושלים בעקאנט אונ גרויס זעהער:
מיינע קרובים כהנים — איך שטאמם פון דיא מכביער!
עס פעהלט מיר ניט פון גוטס — איך האב גיטער זייער פיעל!
נאר דער כוס פון מיין גליק איז אבער נאך ניט פילל!...
אה, שיט אריין אין איהם דיין איין זיס ווארט געשווינד
וועט דער בעכער פיל שוין זיין, אונ וועל טרינקען צוגעזונד,
אהן איין געטריז האסטו מיין הארץ געפאנגען יעצט צו דיר,
איך רעכין אז דוא אויך האסט זיך ניט אפגינארט אין מיר. —

שולמית. שוין דער איינציגער שריט, וואס האט מיר גערעטעט
מיין לעבין,
האט דיר פיעל רעכט אויף מיין דאנקבאר הארץ גענעבין! —.
ניט פיעל פייער, איינענטליך דארף מען יעצט איבערניטצען
אום דיא וואהרע דאנקבארקייט אין ליעבע צו ערהיטצען...
נאר — וואגען דארף ניט אמיידעל פון מיטלען שטאנד,
זיך אנצומעסטען וויא דיא גרויסע פון אונזער לאנד!...
דען — אין בית־לחם׳ס שטיללער געגענד, שוין אפצומאהלען,
אויף דיא הויכע בערג, אונ דיא פרישע גרינע טאהלען,
דארט פאסעט שטענדיג, שולמית, מנוח׳ס איינציג קינד.

אִיהְר פָאטֶערס טְשֶערֶעדֶע, פִּיה, שָׁאאף אוּנ רִינְד!...
וַוייט, ווייט פוּן דֶער שְׁטָאט, פוּן אִיהְר בֶּעש אוּנ גֶערִידֶער,
נָאר דֶעם שְׁטִי...עֶן וָו...לְדִיל טְרוֹיגֶע אִיךְ מֵיינֶע תְּפִילוֹת אוּנ לִיעֶדֶער!...
אוֹיסֶער לִיעֶבֶּע צוּ מֵיין גָאטט — צוּ מֵיין פָאטֶערְס תּוֹרוֹת פְּיָעלֶע
הָאט נָאךְ גִיע מֵיין הַארְץ גֶעקְלָאפְּט פוּן הֵיילִיגֶע גֶעפִּיהְלֶע...
בִּיז דוּא בִּיסְט אוֹיסְגִיוַואקְסֶען פְלוֹצְלוּנג אוּמְגֶערֶעכְט.
אוּנ הָאסְט מֵיין הַארְץ גֶעקוֹיפְט, גֶעווּוּנֶען יָא מִיט רֶעכְט —.

אבשלום. יָאה, גֶעוואוּנֶען אוֹיף אֵייבִּיג, הָאסְט נִיט וָואס צוּ בַּיידִין,
סַיידִין דֶער טוֹיט וֶועט מִיךְ פוּן דִיר צוּ שֵׁיידֶען! —

שולמית. גִיין שֵׁיידֶען מוּזֶען מִיר יֶעצְט, (פוּן דֶעם אִיז נָאר קֵיין רֵיידֶע)
נָאר בִּיז אִין אַ צֵייט — נִיט אוֹיף לַאנְג צוּ שֵׁיידִין מִיר זִיךְ בֵּיידֶע!
אִיךְ קֶער מִיךְ אוּם צוּ מֵיינֶע שָׁאף, וִויא אַ גֶעטְרֵייעֶר וֶועכְטֶער,
אוּנ דִיךְ וַוארְטֶען אֶפְשֶׁר שׁוֹין לַאנְג יְרוּשָׁלַיִם'ס בַייבֶע טֶעכְטֶער
אוּנ דִיא גְרִינֶע גֶערְטְנֶער, צוּ לִיעב יוֹם טוֹב, מִיט זֵייא זִיךְ אַמוּזִירֶען!...
זֵייא הָאבִּין שׁוֹין כֵּלִים מִיט וָואס אַ'אַ יוּנג צוּ אִינְטֶערֶעסִירֶען!
צוּ דֶעם שְׁטוּדִירְטִין חֵן. גֶעמַאכְטֶער פַארְב אוּנ שְׁמֵייכֶעל,
פַארְפּוּצְט מִיט טְהַייעֶרֶן שְׁמוּק — הָאבֶּען זֵייא גֶענוּג שׁוֹין שֵׂכֶל! —
נָא? וָואס יֶועט זִיךְ דֶערְמָאלְט אָנְזֶעהְן בֵּייא דִיר, נָאה אִין זִכָּרוֹן!
אֵיין אֵיינְפַאךְ הִירְטֶענְמֵידֶעל, אָהְן דִיא אַלֶע פָאלִיטוּרֶען? —
וָואס וֶועט דִיךְ אַארֶען דָארְט — אַז דוּא וֶועסְט זַיין דִיר גְלִיקְלִיךְ.
אַז דוּא הָאסְט אֵיין אָרֶעם הַארְץ — צוּפְרֶיעבִּין דָא אוֹיף שְׁטִיקְלִיךְ?
פַאר וֶועהְמֶען וֶועל אִיךְ מִיךְ קְלָאגֶען? — וֶוער וֶועט מִיךְ דָא הֶערִין? —
וֶוער וֶועט דִיךְ דָארְט מִשְׁפָּטֶן אַז אִיךְ וֶועל דָא אוּמְגְלִיקְלִיךְ וֶוערְן?
אָה, דֶער גֶעדַאנְק אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, שְׁרֶעקְלִיכֶער פוּן טוֹיט! —
לָאז מִיךְ בֶּעסֶער בְּלַייבִּין בֵּייא דֶער דַאנְקְבַּארְקֵייט פַאר דֶער נוֹיט.
אָה שְׁלֶעפּ מִיךְ נִיט אַרוֹיף אַזוֹי הוֹיךְ, אַז מִיט אַ מָאהְל
זָאל אִיךְ דַארְפֶען אַרָאפְּפַאלֶען אִין אַזאַ טִיעפֶען טְהָאל...

און דער שנעללער מאמענט וואס דיך האט אזוי איבערעשט פון מיר
וועט אזויא גיך אוועק — וויא גיך ער איז געווארין אין דיר! —
אבשלום וואס טויג דיר קינד, יך אונ מיר, אזוי אנצומאכען שמערצין —
וואַרף אוועק דיין איינגעבילדעטען ספק פון דיין הערצען! —
ווייל איך קען צופיעל גוט דיא וועלטליכע מעכטער.
דערפאר איז מיינע מיינונג פון זייא נאך פיעל שלעכטער —
שטענדיג האב איך געטרוימט יא ערשט איצט דיר דערציילך
צו געפינען אזא שולמית וויא אונזער שלמה המלך!...
וויפיל פרויען, קעניגען, ער האט איבערגעזעהען איבעראל,
וועלכע איז געוועזען דיא קרוין פון זיין אידעאל?
ווער האט איהם בעגייסטערט מעהר אין וואך אונ אין שלאף,
גישט וויא דיא איינפאכע שולמית וואס האט געפאסעט שאף?
ער האט געוואוסט אז אזויגע קען זיין פיעל געטרייער,
אז אזא — אשת חיל איז פון פעריל פיעל טהייער! —
אה, שולמית, אים נאממען פון דעם וואס האט מיך געשיקט אהער
דיך צורעטטען דיין לעבין איך שווער, יאה איך שווער!
אז נאר דיר, מיין טהייערע, בלייב איך אויף אייביג טרייא,
זאג עס ארויס דאס זיסע ווארט — זאג עס ארויס גאנץ פרייא!
איך זעה, דיינע אונשולד שעהמט זיך ארויס צו ריידין וואס זיא וויל..
איך הער שוין, וויא דיינע געפיהלע ריידין דיך צו, אללע:
„—נעהם ארום דיין טרייען חתן, דוא געליבטע כלה!!"

(ער נעהמט זיא ארום. זיא פאלט איהם אויף דעם האלז אונ גערירט פון דיא רייד ווייננדיג זאגט זיא ארוים — אבשלום. — אונ ער אויך — שולמית — [illegible] הייבט אויף נאך איינער פויזע דעם קאפ קוקט זיך אום אונ זינגט)

יא וויא נעהמט מען דיא עדות,
זאללין שטעהן ביא ביידעס,
אונזער שבועה הערין.
זיא זאלל ניט געבראכין ווערין?

(אין דעם מאמענט וויא זייא קוקען זיך ביידע ארום — שפרינגט ארויס א ווילדע קאטץ אויף א בערגיל אונ בלייבט שטעהן גלייך וויא ויא הערט)

אבשלום (ווייזט מיט דער האנד) אָה דֶער בְּרוּנֶנְען . אָה דֶער !
אונ דִיא קַאטְצֶע אָה דִיא , אָה !
זָאלְלֶען זיין , וִויא אִיךְ שְׁוֶוער ,
עֵדוּת צוּ אוּנְזֶער שְׁבוּעָה :
אַז וֶוער נָאר פוּן אוּנְז וֶועט בְּרֶעכִין דָאס וָוארְט ,
זָייא אַלֵיין זָאלְלֶען דָארְט
פֶערְלַאנְגֶען אוֹיף דֶעם אָרְט ,
בּאכֶע , באכֶע , אִין אֵיינֶעם פָארְט ! —

שולמית (ווידערהאלט דאס זעלבע דערנאך זינגען זייא צוזאמען — דועט)
דָאס וֶועט אָבֶער קִיינְמָאהְל בַּייא אוּנְז נִיט גִישֶׁעהְן ,
ווייל צוּנָאיפְגֶעפִיהְרְט אוּנְז בֵּיידֶע הָאט גָאטְט אַלֵיין !
גָאטְט אַלֵיין הֵייסְט עֶס ,
דָאס הַארְץ אַלֵיין ווייסְט עֶס ,
דִיא לִיעבֶּע אַלֵיין טְרֵייסְט עֶס :
מִיר בְּלַייבֶּען גֶעטְרֵייא , אֵייבִּיג גִיטְרֵייא אֵייבִּיג גִיטְרֵייא !
מִיר בְּלייבֶּען אוֹיף אֵייבִּיג דֶער שְׁבוּעָה גִיטְרֵייא ! —

6-טע סצענע

(ווי ... ייומארמען זיך ביידע — אין דער צייט לויפט אריין ציגניטאנג , ווען זייא ביידע אומארמען זיך , הייבט ער אן צו לאכען)

ציגניטאנג אָה , אָה , אִיךְ — גֶעה — זִיךְ פַּייג , גִישְׁט גֶעפִּינְט דוּא גִישְׁט גֶעה נִיךְ מֵידִיל — דוּא יָאה , גֶעפִּינְט אָה אָה !

שולמית . וֶוער אִיז דֶער ?

אבשלום. — מײן פֿרײליכער קנעכט
ער איז געגנט אין דוא װעגען ניט שלעכט! —

ציגײטאנג װיא? — דא נעהם מײדיל? — מיר אויך גיב
איך אויך אװינם, אַװעלכעם ליעב! —

(ער זוכט צװישען דיא בערג, ער זוכט אין ברוננען, לאזט זיך אראפ)

אבשלום (צו שולמתין) מײן קנעכט װעט דיך באלײטין ווייזין דעם װעג
צו דיר
װײל איך מוז קיין ירושלים — מען װארט דארט אויף מיר
עס איז ערב סכות מיר האבין פֿיעל צו טהון —.
דוא װײסט דאך װיא אין אַזא צײט בעשעט זיך אין ציון! —
אונ באלד נאך סכות פֿריה, נאך אײדער דער שטאט בית־לחם
װעט דיא זון דעם ערשטען בריה טהון מיט איהר גליהענדיג פֿייער
װעט דיין טאטע דערפֿיהלין מײן „שלום עליכם"
אונ דוא — מײן הײסען קוש — אלם חתן געטרייער! —.

ציגײטאנג (שפרינגט ארויס פֿונ'ם ברוננען װײנענדיג)
טא! נאך מײדעל, טא! אהאָ! אללא אללא' (ער ברעכט דיא הענד)

אבשלום אין דער הײם דארט — גיבען — כלה!
קום אהער ציגײטאנג! דער װייל פֿיהר נא אפ אהײם!
דוא װײסט דעם װעג קיין בית־לחם?

(ציגײטאנג װידערהאלט יעדעם לעצטע װארט)

פֿון דעם בארג — לאז דיך אראפ אין טהאל,
באלד לינקס, װעסטו דערהערין אן צאהל
דאס ריטשען פֿון קאמעהלען, אײזעלן, פֿערד,
ניט װײט פֿאסען שאף, פֿאסטעכער. אויף גרינער ערד,

בִּיז אַהֵין פִיהְר דָאס מֵיידֶעל — גֶעה שְׁנֶעלל מִיט אִיהְר!
און בַּאלְד זָאלְסְטוּ קוּמֶען אַהֵיים צוּ מִיר! —

צִינְגִיטאַנג אִיךְ — אֵייזֶעל — בַּארְג פַאסְטֶעךְ — גֶעה מִיט אִיהְר?
רִיטְשֶׁעט, פֶערְד. מֵיידֶעל אַהֵיים צוּ דִיר? —

אבשלום. (צו שולמית) אוֹיפְ׳ס וִוידֶער וֶועהְן מֵיין טְהַייֶערֶע. מֵיין לְיֶעבְּסְטֶע
מֵיין שֵׁיינֶער בְּרִילְיַאנְט, גֶעפוּנֶען אִין דֶער וִויסְטֶע! —

שולמית אוֹיפְ׳ס וִוידֶער וֶועהְן מֵיין לִיבֶּער, מֵיין רֶעטֶער, מֵיין לֶעבֶּין
אַבְשָׁלוֹם? — פַארְגֶעס נִיט דִיא שְׁבוּעָה וָואס דוּא הָאסְט גֶעגֶעבִּין!! —

(וויא זייא האלטען זיך בייא דיא הענד קוקט צינגיטאנג מיט נייד אויף אבשלומן)

מִיר, אוֹיךְ, אַזוֹינְס, אַזוֹינְס, אַגֶעלְכֶעס?

אבשלום. — — — אַ וֶועלְכֶעס?

צינגיטאנג — אַגֶעלְכֶ׳ס — אַזוֹינְס — אָה, אָה, לְיֶעבּ, לְיֶעבִּין! —

אבשלום קוּמְמֶען אַהֵיים, דָארְט אוֹיךְ גִיבֶּען! —

צינגיטאנג (טאנצט פאר פרייד — אין דער צייט זענען זויא דערוויל ארויפגגאנגע׳ אויף דעם בארג א ב ש ל ו ם שטעהט לינקס — ש ו ל מ י ת רעכטס. צינגיטאנג אין דערמיט — ער קוקט זויא אן פערווונדערט וויא זייא זינגען — זייא ווידערהאלען דיא שבועה — יעדער אין זאטץ — פון דער וויטענס טיף אין דער סצענע צווישען דיא בערג זעהט מען וויא פאסטיכער קערין זיך אום מיט זייער טשערעדע אהיים זינגען און שפילען אויף דיא פייפערלעך, און צום שלום געהט שולמית אין בעגלייטונג פון צינגיטאנג רעכטס — און אבשלום לינקס אויף ד בארג אויעק — מאנדליכט).

(פארהאנג פאלט שטיל)

צווייטער אקט (אין בייא הדישים ארוב)

2 סצענע

בילד (דיא ביהנע העלל בעליכטעט, שטעלט פאר אוויינגארטין אונטער דער שטאדט ירושלים — אין דערמיט פון דער ביהנע אונטער פאלמענביימער אויף א הויך פלאטץ בעדעקט מיט קאוויארען מיט טרעפ ארויפצוגעהן, שטעהן צוויא

אלט־אטערשע שטוהלען — רעכטס פון דער ביהנע שטעהן פיעל יונגעליט צווישין זייא אבשלום מיט זיין פריינד חנניה — געגען זייא שטעהן פיעל מעדכען, טהייל מיט פייקלעך אין דיא הענד, טהייל מיט טעצלעך, טהייל מיט גאזשל יער אונ בלוממען, אין דערמיט, מיט אקרון פון כעריל אויף דעם קאפ שטעהט א ביגיל — אללע מייד ער טאנצען — ציגיטאנג אונטערהאלט זיך מיט אללע מיידלעך מאכט קאמישע גרימאכען — אללע לאכען אונ ווען אללע טאנצען אפ, לויפען ארויס צוויא מיידלעך פון קאהן, שטעללען זיך ניט וויט פון דיא בחורים אונ זינגען)

לויף צו מיר דוא פיינער זכר!
האפּ מיך אוים דוא שיינער בחור!
קוק זשע, קוק אהער . . .
ווייסט ווער איך בין, ווער?
דיא בייכסטע אין דער גאנצער שטאט! —
מיין טאטע גיט דיר שאף אונ רינדער.
אונ ווייגערטנער גאר א ווינדער,
אונ רענדלעך אסך,
ווערין וועסטו רייך.
דער בייכסטער אין דער גאנצער שטאט
נא זאג זשע "יאה„! — נא זאג זשע — יאה, — יאה! . . .

(זייא דרעהען זיך אונ לויפען אוועק)

אבשלום חנניה! — וועלכע פון זייא איז דיא שענע?

חנניה (איראניש) — — ניט אי איינע!

אבשלום (קיקט איהם פריפענד אן) אויף וועלכין פונקט צילסטו יעצט דיין אויג?

חנניה (בייז) טאמער דארפסטו ניט וויסען וואס מיר טויג! —

(אנדערע צוויי מיידלעך לויפען צו פון קאהן צו דיא בחורים אונ זינגען)

געלד איז דאנד, מען קען עס אנווערין! . . .
יחוס קען ניט באנבים ווערין —.
קוק זשע, קוק אהער!
ווייסט ווער איך בין — ווער?

— דיא מיוחסת אין דער גאנצער שטאט! —
מיין באבע איז פון א שיינער משפחה,
מיין זיידע אויך — — זכרונו לברכה,
דוא וועסט איבען אן,
טאנצען שעהן אין קאהן,
בכבוד אין דער גאנצער שטאט
נא וואג זשע — „יאה" — נא וואג זשע — יאה" —

(זייא דרעהען זיך אום און לויפען אוועק)

אבשלום. ביסט אלץ פארטראגין חנניה? וואגסט ניט מיר! —
איך וועל טרעפען, ווילסטו? איך וועט מיט דיר! —

חנניה. (צוטראגען) שלאג מיר ניט איבער, לאז מיך צורוה! —
אויב דוא האסט אויגין קוק זיך גוט צו! — ...

אבשלום. ווער איז דיא? חנניה! קענסט מיר ניט ערקלערין?
וואס טראגט א קרוין מיט פעריל אויף איהר שטערן! —

חנניה. אביגיל מיינסטו? האסטו ניט דערקענט? —
דעם כהנ'ס טאכטער, דער פעריל פון דעם אריענט! —

אבשלום. (טהוט אשמייכעל) אביגיל? — — יעצט פערשטעה איך ביין מיין!
חנניה. (בייז) שווייג! — איך האב זיא פריהר דערזעהן! ...

(נאך צווייא מיידלעך פון דער גרופפע לויפין צו און זינגען)

וואס טויג דער זיידע פון עולם הבא!
לעבען, לעבט מען ניט מיט קיין באבע!..
קוק זשע, קוק אהער!
נייכט ווער איך בין? — ווער?
דיא קלינסטע פרומסטע פון דער שטאט! —
קלוג און פרום דאס איז א קרן! —
שיינקייט קען פארוויאלעט ווערין..

דאך מיט קלוג און פרום ,

וועט דיך אומעטום ,

מקנא זיין די גאנצע שטאט ! .

נא זאג זשע — „יאה , נא זאג זשע — „יאה" (וייא לויפען אוועק)

אבשלום וואס ווארטסטו חנניה , וואס לויפסטו ניט חאפין ?

חנניה עס איז נישט דיין.עסק איך וועל זיא שוין דערטאפין ! —

אביגיל . (הויך — שטעלט זיך ארויף אויף דעם עסטראדע)

הערט מיך אוים מיינע ליעבע שוועסטער , יודישע קינדער !

צו לויפין איז נישט גוט אז ס'זאלל יעדע באזונדער —

איך האב אוים געקלערט אבעססערן פלאן ,

אללע אין איינעם , אין איינעם זאללען מיר זיין ,

מיר וועלען זיך געווים שטעללען אין דער רייהע אללע,

ווער . וועהמען , וועט חאפין — וועט זיין דעם'ם כלה ! —

באשטעהט איהר אזוי ?

אללע — — — מיר באשטעהן : (אללע שטעללען זיך אוים אין דער רייהע ,

אביגיל אין דער שפיטצע זינגענדיג ווינקען זייא צו דיא בחורים און ריסען זיך קלאמערשט ווייטער)

קום זשע , קום זשע . בחור פיינער ,

חאפ מיך גיכער אוים !

קום זשע , קום צו דער כלה ביינער ,

נעהם מיך גיכער ארוים ! —

בחורים — לויפט זשע ניך אהער !

בתולות — האלט אייך דעם פלאן דעם וואילע! —

בחורים — נעהענטער , נעהענטער ! —

בתולות — נײן, דאס װעט איהר ניט פועלן! —
בחורים — אז מיר װעלן זיך צו לויפן? —

(זייא מאכען אשריט פארווערטס)

בתולות — נא! —— ס'איז איין אנדער אופן! —
בחורים — מיר װעללן אייך שוין געפונען! —
בתולות — נא! — האט איהר געװינען! — חי חי חי חי

(בחורים אויך: חי חי חי) דאס זעלבע װידערהאלט מען דרייא מאהל בי

אללע מיידליך צו לויפען זיך אין א ראהד —. אין דער צייט ראהמט אבשלום איין אין אויער ציגניטאנגען אז אין פאלל אז ער װעט דערזעהן אז חנניה װעט װעלען חאפען אביגילין זאלל ער אונטער שפרינגען און נישט דערלאזען — און װיא חנניה איז צו געלאפען חאפען אביגילין לויפט אים אונטער דער װילדער און פאלט איהם אריין אין דיא הענט װערענד אבשלום האט בענוצט דיא געלעגענהייט און האט אויסגיחאפט אביגילין, אללע לאכען — אללע מיידלעך טהון אן א קראנץ מיט בלוממען מיט א גאז־שלייער אויף דעם קאפ פון אביגיל)

אבשלום. (צום װילדען) שפרינג אהיים צו מיינע פריינד ניך (ניא אקדחות

זאג זייא אז איך האב דא באקומען א כלה,
זייא זאללין פרידר אהער קומען גיבען דיא ברכות,
דערנאך אונז פיהרען אין טעמפעל אין הייליגען ארט אללע! —

ציגניטאנג איך, געה, זאג, דוא באקומסט קדחות?!
פיהרין, אונז, כלה, אויף הייליג ארט? —

חנניה (בייז) גאטט זאלל דיר באצאהלען פאר דיין צו להכעיס! (אב)

איינער. איך געה, — װער ענייכט װאס דער װילדער װעט פלוידערן דארט! (אב)

ציגניטאנג מיר אויך כלה, מיר אויך אזוינס אזעלכעס! אה'

אבשלום אין דער היים, דארט, — יאה!. (זינגט צו אביגיל'ן)
דוא ביסט מיין כלה, איך האב דיך גיחאפט.
יאה דוא שיינע, איך האב דיך דערטאפט'

צוונד מעג איך זיין טאקע פריילעך,
א כלה נאר וויא אבת־מלך
דיא האב איך אליין ! —
וואס האב איך פון פוסטע מעלות
וואס אין איהר ליגט דארט אליין,
פאר שיינקייט גיב איך אללעס,
דאס דארף איך פאר מיר אליין,
האט מיר גאטט באשערט אי שיין אי רייך — קלוג במילא
אזא יאהר אויף מיר — זינגט זשע אללע אמן סלה !

(אללע זינגען מאכען מיט דעם קערפער אריענטאלישע פיגורען און זינגען סלה)

אביגיל דוא ביכט מיין חתן, דוא האסט מיך גיחאפט ! —
נא דוא מיוחס, דוא האסט מיך דערטאפט —
באדארפט אחתן האט דיא כלה,
זיא האט נישט געקוקט אויף קיין מעלה
דיא האב איך אליין — .
נישט געקוקט אויף שאף אונ רינדער
דיא האבין מיר אליין
שיין—איז ביא מיר קיין וואונדער,
שיין בין איך אליין ! —
האט מיר גאטט באשערט—אי שיין, אי פיין, קלוג במילא !
אזא יאהר אויף מיר ! זינגט זשע אללע אמן סלה ! —

(אללע ווידערהאלען)

ציגנטאנג יאה, האב, חתן, זיך, באטאפט
יאה, האב, רוחות, מיך, געחאפט,
האב, שוין, אללע, איך, א מעלה,

נישט קוק חתן נישט, קוק כלה,
כלה, איך בין אליין,
נישט קוק, נים שאף, נים רינדער,
שאף איך בין אליין!
נים שיין, נים מיר, נים ווינדער,
שיין איך בין אליין —
אט,אט אה באשערט — א שיין, א קלוג — ריין ממילא
אזא מיר אזאהר — זיננט זשע — איילע אמאליילא! —

(ער טאנצט און ברעכט פיגורען מיט פייקלעך אין זיינע הענד)

איינער. אט קומט דער כהן מיט דיא פריינד אללע,
דיא ברכה געבין דער חתן — כלה! —

---

5 בילד 2 סצענע

(מוזיק שפיעלט א מזרש, דיא בחורים געהן ארוים עטפפאנגען דעם כהן מיט דיא פריינד— אייניגע בחורים פיהרען ארויף דעם חתן אויף דער עסטראדע און זעטצען איהם ארויף אויף א שטוהל — אללע מיידלעך טהון דאס זעלבע מיט דער כלה — דער כהן שטעלט זיך אונטער זייא געבין בוים לייגט ארויף דיא הענד אויף זייערע קעפ און בענשט)

דאס פאר מוז קומען פארצירט | שיקען אויף דעם נייעם פאהר!
וואס דער זיווג האט צוזאמענגעפירט | און ער זאלל זייערע משפחה
מזל טוב! גאטט זאלל זיין ברכה | ערהאלטען מיט לאנגע יאהר! —

(אללע ווידערהאלען דיא ברכה — מוזיק שפיעלט א טאנץ — דיא בחורים מיט דיא בתולות טאנצען צוזאמען א טאנץ, אונטער דער בעלייכטונג פון פערשיעדען פייער)

(פארהאנג פאלט)

דריטער אקט (אין צוויא יאהר ארום)

6 בילד 1 סצענע

(שטעלט פאר א בערגיגע געגענד! — לינקס גאנץ וויט זעהט מען ארום דאס שטעטיל בית-לחם, א גאנץ אלטער בנין מיט א ציבראכענעם טויער שטעהט אויף א בארג —

נעבען איהם א פאלמענבוים — אנגעשפארט אן איין אלטער ציבראָכענער זייל נעבען בוים שטעהט „שולמית" פֿאַרבראָכט, פֿערזאָרגט, זיא קוקט אלץ רעכטס צו דיא ווייטע וועגען, פֿארשטעלט איהרע אויגען מיט דער האנד וועגען דיא שטראהלען פֿון דער מאָרגען זאָננע — אין טהאל פֿון דעם בארג פאסעט זיך אַ טשערעדע — זאָננענאויפֿגאנג— טרויריג טהוט זיא אַ מאך מיט דער האנד, לאזט זיך לאנגזאם אראפ געהן פֿונם בארג, קוקט זיך אללע מאהל אום — טהוט אַ שווערין זיפֿץ — אונ זינגט)

1.

שבת, יום טוב, אונ ראש חודש,
דאַווען איך מיר אַליין פֿאַר זיך;
איך האָב מיר אַליין מיין אָרון קודש
עס בייט ניט קיינער אין איהם — נאָר איך! —

מיין שווער האַרץ, איז דאָרט דער עמוד
עס זעהט איהם קיינער ניט אַרויס
דיא ליעבע איז דאָרטין, מיין נר תמיד...
עס ברענט! — אונ לעשט קיינמאהל ניט אויס! —

2.

דער חזן בין איך — אַלץ איך אַליין,
דיא צרות — העלפֿין מיר וויא זינגער'ס מיט
טרויריגס, זינגען מיר אויס גאַנץ שיין,
פֿריילעכ'ס? עפּעס געהט ביא אונז ניט!...*)

דיא האָפֿנונג הערט מען דאָרט פֿירזאָגען!
מען הערט זיא אַרויס, אויך ווען זיא שווייגט!...
באַלד הערט מען זיא דאָרט וויינען, קלאָגען,
אונ דיא טרערין קלאַפּען צו, צום טאַקט! —.

*) איך זינג מיר מעלאָדיען שיינע
דיא געפֿיהלע ווענן דאָרט מיין קאָהר

מען הערט פֿערשיעדענע דאָרט טאָהנע
באלד גייט עס מאָהלי אונ באָלד מאושאָרי

8.

מיין תחינה איז גימאכט נאר פאר נקבות
וואס ס'האט זייא גיטראפין דאס וואס מיך!
זייא קענען אללע ראשי-תיבות,
דארט לייגען שנעל אזוי וויא איך!

גענוג געדאווינט, גענוג גיקלאגט,
גענוג גיוויינט, עס איז צו פיעל!
איך האב קדיש אויך שוין אפגיזאגט...
אהיים! — פערשלאססין איז שוין דיא שול! —.

(זיא פאר שטעלט מיט דיא הענט דאס פנים אונ וויינט)

אה! טהייער קאסט מיך מיין לעבין! צו טהייער האב איך באצאהלט
דער פאר:
וואס טויג מיר אזא געמיטשעט לעבין אין ליידין אונ אין צער?
בעססער וואלט מיך געוועזן דער דארשט פארברענט אויף קויל,
בעססער — דער ברוננען איינגעשלונגען אין זיין וואססעריג מויל. *(פויזע)*
אוי! נישטא קיין ערגעדער טויט, קיין ערגער קריינקען,
וויא אומזיסט צו האפען, צו ווארטען אונ צו בייגקען — *(פויזע)*
איך האב ערווארטעט דעם טאג וואס ער האט מיר בעשטימט,
איך געה איהם ענטגעגען — איך מיין ער קוממט —
איך האב אבער נאר גימיינט, איך האב מיך אפגינארט גאר,
יעדע סעקונדע איז מיר א טאג, יעדע מינוט — א יאהר —.
שוין צווייא מאהל האט זיך דער ווינטער צוועק געריקט,
שוין צווייא מאהל האט דער פרידלינג דיא ערד דערקוויקט,
פיעל מענשען געהן קיין ירושלים, קוממען צוריק בשלום,
יעדען געה איך קומען נאר — ניט מיין צבשלום! *(נאכדענקענד)*
וואס איז מיט איהם געשעהן? — איך קען עס מיר ניט ערקלעהרן!
ער, דער פיינער וואלל מיר אונטרייא ווערען? —

ער, וואס האט מיר געשוואוירען אזא טרייע
פאר גאטט, פאר'ן הימעל, פאר צווייא עדות בייע!! —
ער, וואס האט מיר געראטעט מיין לעבען,
וואס איך האב איהם מיין ליעבע, מיין הערץ אוועק גיגעבין'
ער, וואס האט מיר הייליג געשוואוירן דארט...
ער האט גיקענט אזויא גיך ברעכין זיין ווארט? — (פויזע)
ער האט געשעפעט פון מיר ארמע! זיך גימאכט א געלעכטער?
ער האט זיך פארבונדען מיט איינע פון ירושלים'ס רייכע טעכטער?
זיא האט איהם בעצויבערט מיט איהרע טהייערע שטיינער!
זיא דריקט ער צו צו זיך — געהמט זיא ארום? — דער געמיינער

(מיט שמערצליכען כעס)

שפרינג ארויס דוא קאטץ! דאס איז נישט זיין ווייב!
שטעק אריין דיינע שארפע נאגיל אין זיין לייב!
בייס איהם אוועק פון איהר, שלעפ איהם צו צום ברונען!
ווארף איהם אריין אהין, דארט וויא דיא קוואלען רינען!
ווארג איהם! — טרענק איהם! — לאז איהם ניט אפ! — ניין! —
נאכע פארדערט, נקמה! — איהר זענט דיא עדות גיוועזען — (ענטשלאססין)
הא! הא! — ער וויינט? — ער ווילל, און קען ניט שרייען,
ער בעט זיך ביא איך, איהר זאלט איהם פערצייהען? (גוטמוטהיג)
נא נא לאזט איהם אפ, ס'איז גענוג א רחמנות,
שוין גענוג! מוטשעט איהם ניט אזוי מיט סכנות,
ער האט שוין חרטה, עס וועט שוין מעהר ניט געשעהן,
איך האב אבעסער הארץ, איך פערצייהע איהם אליין.
א מענטש מאכט א פעהלער — אבער דאך האלט ער ווארט.
ער וועט נאך קומען צו מיר, קומען וועט ער פארט —, (פויזע)
„סיידין דער טויט" — — פלעגט ער אליין ריידין —
„סיידין דער טויט וועט אונז קענען צו שיידין!" (נאכדענקענד)
דער טויט? — אוי, איך האב ארויס גירעדט אין אזא שעה,
אפשר איז ער ווירקליך, אויף דער וועלט מעהר נישטא?
אפשר איז ער גיט שולדיג? ער האט געוויס גיבענקט,
זיינע קרובים האבין ניט דערלאזט — און איהם האט'ס געקרענקט

און איז פאר צער דערגאנגען, וואס ער האט געבענקט נאך מיר. .
האב איך מיך גאר אומזיסט גיבייזערט אויף דיר!

(שמערצליך וויינענד)

שלאף רוהיג אין דיין קבר! שלאף דיר בשלום! —
אפילו נאך דעם טויט בין איך דיינע אבשלום!
פאר דיר וועל איך שטארבען, פאר דיר וועל איך לעבען!
מיין הארץ איז ביי דיר, דיר האב איך'ס אוועק געגעבן —

(ענטשלאסן)

איך וועל מיך גאר קיינמאהל אויף דער וועלט ניט ווייזען,
יין ווילען איז א פעסטונג, מיין הארץ מאך איך צום אייזען!
קיין מאנן וועט ניט וואגען מיין האנד צו בייטען!
און ווען אויך מיין פאטער וועט מיך וועלען נייטען,
און צו וואס פאר א פארטי ער וועט מיך וועלען צווינגען,
ויא דיא־קאטץ, אין דיא אויגען וועל איך ארויס שפרינגען!
משוגע וועל איך — משוגע מיך מאכען פאר אללע! —
(וואס טויג חתנים א משוגענע כלה!) (פויזע)
יאה! פאר אללע בין איך משוגע — נאר ניט פאר איינעם!
דער סוד בלייבט ביי מיר, איך זאג איהם ניט קיינעם! —.

(אין דעם ווערט א שטורמווינד דער זאמד פליהט אין דער הויך און רוישט)

הא? דיא נאטור! וואס איז דאס גיווארין מיט דיר?! —
פיהלסט אויך, וויא עס שיינט, מיין הערץ גליך מיט מיר?
ביזט איך אין כעס? — בלאזט פון אללע זייטין? —
ווארפסט דעם זאמד אין דער הויך זעה איך פון ווייטין?
ווארט, בייזער שטורם, איך געה אהיים אליין!
מעהר וועסטו מיך שוין אויף דיא בערג קיינמאהל ניט זעהן!! —

(זיא לויפט ארויס שנעלל אומקוקענדיג זיך צום שטורם)

---

7 בילד 2 סצענע

(שטעלט פאר דאס איינפאכע צימער פון שולמית פאטער — דער אלטער מנוח קומט אריין גלייך וויא ער האלט אין א שמיעס — נאך איהם איינגע בחורים)

מנוח נא וואס קען איך איך ענטווערן מיינע ליעבע לייט ?
וואס האט מען זיך צו איילין, עס וועט נאך זיין צייט !
מיין שולמית איז נאך יונג, וואס האב איך מיך צו יאגען —
און ווידער דארף מען הערין וואס זיא וועט זאגין — .

איינער. דאס דארפט איהר אליין פערשטעהן, איהר עהרליכער אלטער
אז דאס קען נאר ריידין דער שכל דער קאלטער ! —
איהר זענט אויך יונג געוועזן, האט איהר דען ניט געפיהלט ?
וויא דאס יונגע בלוט רייצט זיך און וויהלט,
געגין אזא קינד, אונשולדיג און שיין,
וויא אייער טאכטער איז ? — ווער קען דען באשטעהן ?
זאגט ארויס דאס ווארט, ענטשליעסט אייך געשווינד !
[illegible]ויבט אייך אוים אליין, וייזט אן אצינד,
ווער קען דאס גליק האבען אייביג צו זיין,
אייער טאכטערס ווירדיגער, גליקליכער מאנן ?! —

מנוח. עס איז גאר קיין וואונדער אז מען קען זיך פערליערין !
אללע טאג, אללע טאג שלאגט מען מיר אפ די טהירען :
דער איז פיין, דער איז פרום, דער האט פערמעגין !
איך זאג דאך אייך — איך מוז מיין טאכטער אויך נאך פרעגין.
שאט ! — מיר דאכט עס קומט שוין ווידער יעמאנד !
אפשר אויך בעטען מיין טאכטערס האנד ! —

3 סצענע

(עס שפאנט אריין מיליטעריש געקלייד און נייגט זיך אויף אריענטאלישער ארט געגען מנוח)

יואב גדעוני. (זינגט) איך היים יואב גדעוני !
איך היים יואב גדעוני !
דער נאמען מיינער איז דאך פיין,
פון יודישע העלדן דער שטארקסטער מאנן ! —
איך האב די אראבער געשלאגין,
פיעל רויבער אוועק גיטראגין,

בלדעיער געפאנגען האב איך געכאפט ,
אויך דיא ראממער גוט גוט דורכגעקלאפט ;
אונ נאך שלאכטין איינגענעהמען , אסך , אסך , אסך !
מיינע אללע לארבערקראנצע , ליג איך דא פאר איך !
א טעכטעריל האט איהר , שיין אהן אשיעור ,
מיין ליעבע איז צו איהר גרויס ;
קען זיא ניט זיין יעצט א כלה פאר מיר ,
ניין , ניין האלט איך ניט אויס ! — .

---

4 סצענע

(מנוח גיט איהם אצייכען זיך שטעללען אביסעל אין דער זייט ... איל עס קומט אריין דער רייכער בירגער זיך נייגענד)

אבינדב (זינגט) איך הייס אבינדב !
איך הייס אבינדב !
דער נאממען מיינער איז דאך פיין ,
פון יודישע גבירים דער רייכסטער מאן ! —
איך האב פעטע פעלדער ,
אונ פיעל געדיכטע וועלדער ,
אונ שיינע הייזער גאר אהן צאהל ,
אונ וויינגערטנער אויף בערג אונ טהאל .
אונ פעסעלעך מיט גאלד אונ זילבער , אסך , אסך אסך .
מיין גאנץ פערמעגין אונ עשירות ליג איך דא פאר איך !
א טעכטעריל האט איהר שיין אהן אשיעור ,
מיין ליבע איז צו איהר גרויס ;
קען זיא ניט זיין יעצט אכלה פאר מיר ,
ניין , ניין , האלט איך'ס ניט אויס ! —

---

5 סצענע

(מנוח גיט איהם א צייכען זיך שמעלען אין א זייט וויל עס קומט אריין אונ טהוט זיך אנייג זינגענד דער סגן-הכהן)

נתן הכהן איך היים נתן הכהן!
איך היים נתן הכהן!
דער נאמען מיינער איז דאך פיין,
פון יודישע פריסטער דער פרומסטער מאנן!—
איך האב מעהר פון גבורים:
צו מיר געהערין אללע בכורים.
אונ מעשר פון אללעם וואס ס'קוממט אויף?—
אונ אללע קרבנות ווערעסט זייא דען אויף?—
אונ אויך פון אקסין, עופות, לאממער, פלייש אסך אסך!
מיינע אללע פעטע קרבנות ליג איך דא פאר אייך!—
א מעכטעריל האט איהר, שיין אהן אשיעור.
מיין ליעבע איז צו איהר גרויס;
קען זיא ניט זיין יעצט אבלה פאר מיר.
ניין, ניין, האלט איך'ס ניט אויס! —. (ער טהוט זיך אניין)

מנוח איך זעה קינדער, מיר וועלען אזוי ניט קומען צו קיין ציעל,
ווייל בעלנים. בעלנים זענען דא זעהר פיעל.
אונ כדי יעדער פון אייך זאלל זיך ניט באקלאגען.
וועלען מיר גורל ווארפין. וועהמ'ס גליק ס'וועט אויסטראגען!
באשטעהט איהר אזוי?

אללע — — — מיר באשטעהן דארויף.

(מען טראגט אריין א טישעל מיט א פישקע, מיט פארמיט מיט א גריפעל)

מנוח. שרייבט אייך יעדער זיין נאמען אויף, (רעטשעטאטיוו מיט מוזיק)
איף אשטיקעל פארמעט אדא צום סוף!—

אללע. גוט מיר פאלגין.

מנוח. נא הייבט אן! —

יואב גדעוני. (געהט צו צום טישעל אונ שרייבט) איך יואב גדעוני בן אליעזר הלוי (ער דרעהט צונאויף דאס שטיקעל פארמעט ווארפט עס אריין אין פישקע זינגט ער)

אין אזא שעה
ליג איך דאס דא.
נעהמט אונ מישט עס אויס!

אז דיא ברכה ,
„גורל זכה"
זאלל פאר מיר ארוים ! —

אללע (מאכין צו איהם מיט דיא פינגער) מיין ניט באריהמער ,
אז ס'איז גאר איין נוממער ,
עס זענין דא אסך ! . . .
האב איין זינגען ,
אז געווינגען ,
קעננען מיר אללע גלייך ! —

(דאס זעלבע ווידערהאלט זיך ווען „א ב י נ ד ב" און נתן הכהן שרייבען אן ביז אין דעם קאהר)

מנוח . (מישט אויס דיא פישקע) שטעק מיין קינד דיא האנד אריין ,
און שלעפ ארויס וועהמ'ס גליק ס'וועט זיין ! —

(איינער פון זייא שטעקט אריין דיא האנד אין דער פישקע ער נעמט ארויס א קוויטעל און טהוט אגעשרייא „יואב גדעוני" — אללע שאקלען מיט דיא קעפ פערדריסליך , פערלייגען דיא הענד און מאכען איינער צום אנדערן פערוואונדערט „ גדעוני" — מנוח נעהמט גדעונין פאר דער האנד און גראטאלירט איהם פריינדליך — ווערענד ער לאכט פון זייא אללע און רייצט זיך מיט זייא)

יואב גדעוני . נא ווער געווינט ,
נוא ווער , ווער , ווער ?
איך געווין ! הא קער , קער , קער ?
נאר אדאס האט מיר געפעלט צום גליק
האב איך דאס אין דעם אויגענבליק ,
יעצט היים איך באמת טאקי רייך ,
און לאך מיך אויס און לאך הא הא !

——

איהר מיינט איך אויך יא , שווער ,
שווער שווער ,
מיט זייא רייצען ; קער , קער , קער !
איהר בארפט אליין אויך זיין
דערפרייהט ,
ויאס האט זיך אזוי אויסגידרעהט
וויא אזוי וואלט איהר באדארפט
בעטריבט גאר זיין ,
ווען ס'געפאלט אויף איין אנדער
מאנן הא הא הא !

——

נא וואס זשעווארט איהר נאך
מעהר , מעהר , מעהר !
איהר האט פארשפיעלט ! — נא ? —
קער , קער , קער !
וואס זשע שטעהט איהר אראפ
געלאזט דיא נעז ?
אויף מיר האט איהר גארניט צו
זיין ביז !

אז ס'איז אזוי , מן הסתם בין איך
ווערט !
אדרבא מאכט פארקערט ח ח ח ?

(אין דעם הערט מען וויא פון דרויסען שולמית'ס שטיממע — זיא זינגט דיא לעצטע סטראפע פון איהר ליעד)

מנוח . שאט ! מיר דאכט איך הער מיין שולמית קוממען — .
מיין ליעבער חתן נייט מוכן ומזומן ! —

8 בילד 6 סצענע

(שולמית קומט אן פארטראכט — דעם קאפ אראפ — קוקט זיך ניט אום)

מנוח אזוי פאר טראכט , ? טאכטער , קוקסט גאר ניט אויף מיר ! —
און בעמערקסט ניט דיין חתן , איך שטעל איהם פאר דיר !

יואב גדעוני (לאזט זיך צו געהן צו שולמית און שטעלט זיך פאר העפליך)
יואב גדעוני ! —

שולמית . (טהוט אויף איהם אקוק מיט אשמייכיל) חתן ? א פיין יונגעל —
איין אנטיק ! (צום פאטער)
מזל טוב דיר . טאטע , מיט דיין זיווג — איך ווינש אייך צו גליק !

מנוח איך פערשטייא דיך ניט טאכטער ?

יואב גדעוני . (טרעט צו צו שולמית) שולמית איין ווארט !

שולמית (טהוט איהם אשטופ פון זיך מיט כעס) פארט ! —
(זיא לויפט ארום וויא משוגע ווארפט יעדען פון זיך און זינגט)
איך בין הייליג טרייט ניט צו אהער !
איך וועל טייטן יעדען , עס מעג זיין ווער :
אוועקט , אוועקט , אוועקט , אוועקט פון מיר ! ! ! —
עדות ! — הימעל ! — ברוננען ! — קאטצע ווילדעס טהיר ! (שנעללער)
עדות , קאטצע , ברוננען , הימעל ,
אללע דרעהען זיך אין רימעל

(פלוצלינג בלייבט זיא שטעהן פארטראכט גלייך וויא זיא דערמאנט זיך אות עפים — זיא זינגט טרויריג)

אה , דער ברוננען , אה דער !
און דיא קאטצע אה דיא אה !
זאללען זיין , וויא איך שווער ,
עדות צו אונזער שבועה ,

אז ווער נאר פון אונז וועט ברעכן דאס ווארט,
זייא אליין זאללען דארט,
פערלאנגען אויפ'ן ארט,
ראבע, ראבע אין איינעם פארט! —

(זיא צו ווינט זיך שטארק אונ פאלט דעם פאטער אויף דעם האלז, אללע קוקען זיך אן שטוינענד — שולמית רייסט זיך פלוצלינג אויף פון דעם פאטערס האנד לויפט ווידער ארום, זינגט)

א פעסטע מויער איז מיין הערץ
קיינער קען ניט וויסען מיין שמערץ אוועקט אוועק א. ז. וו.

(ביז זיא פאלט ווידער דעם פאטער אויף'ן האלז)

מנוח. (בעשטירצט) וועה איז מיר! — וואס איז דא געווארין מיט מיין קינד?...
ויא איז עפעס אין גאנצין איבערגעביטין אציינד!...
דערציידל מיין טאכטער, אויב דוא האסט מיך ליעב!
אויב דוא ווילסט ניט דיין טאטען טרייבען אין גריב! —

שולמית. (פערווירט) איהר ווילט וויסען? — וויסען ווילט איהר וואס איז געשעהן?
איך — טטי! — שא אשבועה! ניין — ניין! —

(זיא טהוט א חאפ איינעם פון דיא בחורים האלט איהם צו מיט איין האנד, אונ מיט דער אנדערער ווייזט זיא איהם אין דער וועלט אריין, גלייך וויא זיא זעהט עפעס דארט אונ זינגט)

1.

דארט אין דער וויסטע נייט,
דארט וויא דיא זון דיא הייסע ברעננט שווידל!
(זיא טהוט איהם אוועק פון זיך)
שטעהט אברונענדיל ביא דער נייט,
דאס וואסערדיל פליסט דארט קהיל — (זיא האפט אצווייטין)
קיין בלומ'ם וויל נישט באשיינען,
דאס ווייטע, ווילדע, זאמדיגע פלאטץ, (טהוט איהם אוועק פון זיך)
דארט הערט מען מיקען אונ ווייגען,
אבייגע ווילדע קאטץ!...

זיא לייגט צו צום פאטער אויף דיא שפיטץ פינגער גלייך וויא זיא ראמט איין אסוד,
„מיוא" — שרייט זיא בייז — איהר ווילט דעם „מיוא" פערשטעהן?

אללע מיר ווילען דעם „מיוא" פערשטעהן!

שולמית דאס קענט איהר ניט וויסען, ניין, ניין! (רייסט זיך דיא האנד)
דעם סוד ווייס איך נאר אליין! — יאה, יאה, יאה, חא! חא! חא!

(פאלט דעם פאטער אויפן האלז און לאכט)

מנוח (פערצווייפעלט ברעכט דיא הענד) אוי וועה איז מיר!

אללע מיר ווייסען גאר ניט אצונד,
וואס איז געשעהן מיט דעם קינד! —

שולמית (חאפט זיך ווידער אויף שלעפט איינעם ווייטער צו, און ווייזט איהם אן דער וועלט אריין)

2.

דיא אויערען מאכט זיא גרעססער,
גלייך וויא זיא שטעהט און הערט עפעס אוים!...
און דיא נאגעל, וויא דיא שארפע מעססער,
שטעקען וויא שפיזען ארויס! —
אין ראהד, איהר ריקען גיבויגען,
פון איהר פיסק הויבט שרעקליכער האס,
און פון דיא ברענענדיגע אויגען,
בליצט אפייערדיגער כעס!...
„מיוא" — שרייט זיא בייז — און ווייזט איהרע שארפע ציין!

אללע. וואס איז פאר אשארפע ציהן? —

שולמית. אוי היט אייך, ראהט איך אייך שיין,
אויב איהר ווילט ס'זאל אייך שלעכט ניט געשעהן —
יאה, יאה, חא! חא! חא! א. ז. וו.

שולמית. דארט וועה צום ברוננען פליהען
אדארשטיג יונגעל — און טרינקט אסך! —
ער לייגט זיך אביסעלע רוהען,
און קלערט ניט איבער קיין זאך...
אה! טהוט א בליטץ איין אייגעל...

עס שפרינגט ארוים די ווילדע קאטץ —
און האפט זיין האלז מיט די נאגעל,
צו דערווארגען איהם אויפ'ן פלאטץ! . . .
„מיוא!" — שרייט זיא ביין — דוא מוזט ביי מיר דא דערגעהן!
„האלטען מוזטו מיר די שבועה — איך בין ביין עדות געוועז!!"
יאה יאה חה חה חה! א. ז. וו.

מנוח. (ברעכט די הענד און וויינט פערצווייפלענד) וועה איז צו מיינע אלטע
יאהרען, וואס איך האב דאס דערלעבט,
אז פון מיין קינד זאל דאס ווערין, ווער האט זיך גאר געגלייבט.

שולמית. (די גאנצע צייט לאכט אי'נ וויינט — פליקט זיך די האאר פי'נ'ם קאפ און רייסט אז פון זיך דעם מא:טעל, דעם גאזשלייער, — ענדליך פאסט זיא זיך, נעהט צו מיט א שמייכעל צו אבינדב'ן, און לייגט ארויף אויף איהם די האנד)

אה! — א פיינער חתן! איהם קען איך דארפען
וויא ער שטעהט און געהט, (מיט כעס) אין ברונגען אריין צוווארפען?

(זיא טהוט איהם אווארף פון זיך, צולאכט זיך, לויפט צו צום פאטער — זיא ענדערט איהר פויזע: זא ציהט אוס גליך איהר האנד, שפאנט צו מיט מיליטערישע שריטטע צו „יואב גדעוני" שטעלט זיך קעגין איהם וויא אסאלדאט און זאגט צערטליך)

און דוא גרויסער העלד, וואס דוא האכט פעסטונגען איינגענומען?
מיך איינצונעמען, אזא שוואכע פעסטונג, ביסטו אהער געקומען?
שוואכע פעסטונג? (מיט כעס) ציטטער פאר מיר דוא גבור! —
ביינ פאר מיר די קניע!!

(זיא ווייזט אויף איהר ברוסט) צו דער פעסטונג טרייטמטו איבינ ניט צו!
דיר וועט ניט העלפין ביין שווערד, שפיז און בויגין!
אהער גיב! איך שטעך דיר אוים דיינע אויגען!

(אין דעם האפט זיא ארוים פון זיין שייד די שווערד זיא טהוט איהם אווארף אין פנים — די שווערד פאלט אראפ זיא לויפט אוועק לאכענדיג — נאך א קליינער פויזע לאזט זיא זיך צו געהן צו „נתן הכהן" — לייגט ארויף אויף זיין אקסעל צערטליך איהר לינקע האנד, און מיט דער אנדערער גלעט זיא איהם פאר דער רויטער בארד)

און דוא מיין רויט קאטצעלע ביכט אויך דא?
שרעק זיא איבער די לייט, מאך זיא מיוא, באו!

דערצעהל זיא אז א שבועה מוז מען האלטין הייליג,
דראפע זיא! ווארג זיא! גיב זיא אפ זייער חלק! —

(זיא דראפעט איהם, ווארגט איהם, צולאכט זיך און פאלט ווידער דעם פאטער אויף האלז)

מנוח וועה איז מיינע יאהר, וועה איז מיינע טעג!
דערצייהל מיר, טאכטער, דערציהל אז איך פרעג:
וואס איז דאס מיט דיר? דערציהל מיין נחמה!
דערציהל! און נעהם ניט ארויס מיר מיין נשמה! (וויינט)

שולמית	דועט מיט	מנוח
אומזיסט איז נאר דיין פרעגען		אוי, אוי, וויא האלט מען גאר דס אויס!
איך וואלט דיר געזאגט ווען איך זאל מייגען.		אוי, אוי, מיין אומגליק איז דאך גרויס!
פרעג ביים ברונגען, אויב דוא ווילסט נאר הערען.		וואס איז פאר אברונען? — וועהמען זאל איך הערען?
פרעג ביא דער קאטצע, זיא וועט אללעס ערקלעהרען!		וואס פאר א קאטצע — וועה איז מיר — וואס וועט זיא ערקלעהרען?
פרעג ביים ברונגען!		וואס ווער איך הערען?
פרעג ביא דער קאטץ! —		וואס וועט זיא ערקלעהרען? וועה איז מיר (וויינט)

מנוח. טאכטער! אויב דוא פיהלסט נאר איין ווענינ ליבע צו מיר!
טוה מיר נאך דיא לעצטע טובה, בעט איך ביא דיר!
גראב מיר אויס אגרוב, לייג מיך אריין אין דער מינוט!
נאר נישט צאפען מיר צו ביסלעך דאס לעצטע בלוט! (וויינט)

שולמית. (פערטראגין) פרעג ביים ברונגען

מנוח אה, דערויף האבען זיך אויסגעוואוירט מיינע גראויע האר,
צו זעהן מיין קינד משוגע? — משוגע? וועה איז צו מיינע יאהר!

שולמית (אליין צוטראגין) פרעג ביא דער קאטץ!...

מנוח אה דער טאג פון באלייטען פון דענסטמאלט איז זיא פארלארען
ניט זיא איז אין דער וויסטע פארבלאנזעט געווארען! —
זאג —! וואס האט דיך געטראפין אזוינס אויף דיין גאנג?

שולמית פרעג ביים ברונגען! —

מנוח וואס ברוננען ? האט דיך ניט געביסען אגיפטיגע שלאנג ?
שולמית פרעג ביי דער קאטץ ! . . .
מנוח א קאטץ . ? — אה דיך צו היילען וועל איך אין עק וועלט לויפען ,
איך וועל טהין אללע מיטלען — איך וועל מיך פערקויפען .
איך וועל פרעגען רופאים , כהנים אסך קלוגע ,
טאמער ווייסען זייא א מיטעל , א מיטעל צו משוגע ?
שולמית . פרעג ביים ברוננען ; —
מנוח . ברוננען ? קום טאכטער ! אה אז איך לעב איז א גאטעס וואונדער !
בעט , טאטעס , מאמעס ! — בעט , בעט אויף קינדער !
שולמית . פרעג ביי דער קאטץ ,
מנוח . פידרט זיא ארויס ווינט ביטערליך — . אללע קוקען זיך אום צו דער זייט
וויהין מנוח מיט שולמית'ן זיינען ארויסגעגאנגען — דערנאך ווענדען זייא
זיך צו דער זייט , וויא יואב גדעוני שטעהט פארזארגט , אראב געלאזט דעם
קאפ ער לאזט זיך ארויס געהן טרויריג — זייא זינגען איהם נאך לאבענדיג

נא , וואס זשע ווארטעסטו נאך מעהר , מעהר , מעהר ?
דוא האסט אויך , גאר נישט קער קער , קער !
נא וואס זשע שווייגסטו ? דוא מאלדיגער האז !
וואס זשע געהסטו אראפ געלאזט דיא נאז ?
אט אזויא שפיעלט אבארידהמער אוים ,
נא העלד גרויסער ? געה ארוים ! ה , ה , ה !

---

9 בילד 7 סצענע

(שטעלט פאר אבשלום'ס רייך צימער — אויף אשינעם דיוואן גאנץ בעקוועהם זי צען אבשלום מיט אביגיל'ן טרינקען קאפע , מונטער פריילעך — צינגיטאנג שטעהט צווישין זייא מיט אקדוג , אונ גיסט אן אללע מאהל — ער זינגט אויך אונ טאנצט , אבשלום
מיט א ב י ג י ל ' ן זינגען צו זאממען :)

געדיינקסטו זיסער (זיסע) וויא איך האב דיך געהאפט !
יא מיין טהייערער (טה יערע) איך האב דיך דערטאפט !
לעבען אין נחת אונ אין פריידין ,
אין דעם אמת'ן גן עדן ,

האבען מיר אליין ,
זיין געזונד און פריילעך ,
זענען מיר אליין ,
דערצו אקינד וויא א בן — מלך ,
דאס האבען מיר אליין ! —
האט אונז גאט באשערט , אי אקינד , אי געזונד , קלוג במילא ,
אזא יאהר אויף אונז—לאמיר זינגען אמן סלה ! —

(אללע זינגען—ציניגיטאנג זינגט אויך און טאנצט—זייא לאזען אללע פערגעניגט—ציניגיטאנג זעהט וויא אבשלום מיט אביגיל'ן קושען זיך—קומט אריין אין דערמיט)

מיר אויך אזעלכם ! —

אבשלום ער וויל נאר אזעלעכם ! — האסט זיך אפגע'ט וויא אשווארץ יאהר !

דיר אויך , גיבין כלה , אז דוא וועסט ווערין ווייס , קלאהר !

ציניגיטאנג ה , ה , איך ווער ווייס , איך וועי קלאהר ?
איך האבען כלה איך שווארץ יאהר ! — (ער טאנצט ארויס)

אבשלום נא וואס זאגסטו , מיין ליעבע אביגיל ?
אזא מען דארף ניט זארגין , מיין טהייערע אשת חיל !
געדענקסטו פאר אזאהרען ניט היינט געדאכט ,
דאס אומגליק וואס האט זיך מיט אונזער ערשט קינד גימאכט ,
וויא אקאטץ האט עס אין וויגעלע דערווארגין : (אביגיל טהוט אזיפץ)
— נאר נישט גיקרעבעצט , וואס טויג דאס זארגין — :
גאטט האט געגיבין , גאטט האט גענו···ען !
גאטט האט ווייטער געגיבען , אט האסטו א כבן :
דען וואס פעהלט דען עפעס , אז מ'האט אזא מלאך וויא דוא ?
מיר זענען יונג , מיר האבין זיך געטרייסט , נאך וויא ! —
אקאראט צום יאהר , זינט מיר האבין יענץ פארלוירין ,
האסטו מיר נאך א שענערס , אגעזונטערס געבוירין —

אביגיל גוט וואס דוא האסט מיך דערמאנט ! וואו איז דאס קינד ?

אבשלום מיר דאכט ס'איז מיט דער נאם אין גארטין אצינד ! —

אביגיל צ י נ ג י ט א נ ג ! (ציניגיטאנג לויפט אריין דאס פנים איינגעשמירט מיט מעהל)

ציגנגיטאנג איך, שוין חתן, איך עיים קלאהר,
מיר גיב כלה מיר שווארץ יאהר! —

אבשלום נא אצונד האסטו שוין א כלה, האסט ליעב די נאם

ציגנגיטאנג. (טאנצט) אה, אה, ליעב האם, האם!

(ער פאלט זייא צו דיא פיס אונ קושט זייא)

אביגיל נא גיעה רוף אריין דיא נאם דוא שווארצער רוח!

ציגנגיטאנג. גע, גע, מיידעל! איך ווייסער רוח!

אביגיל. נא ווייטער! — לאז ניא אריין ברענגען דער מאמען דאס
קינד גיך!

ציגנגיטאנג איך נאם, קינד, איך גיעה, איך!
ברענג, רוח מאמען, קינד גיך? (ער טאנצט ארויס)

אביגיל נא גיעה שוין גיעה דוא ווילדע זאך,
ווען וועסטו איהם שוין אוים לערנען ריידין גליך?

אבשלום וואס אפארט דיך, ער אונטער האלט מיך סאי וויא סאי!
דערצו איז ער עהרליך בטבע, אונ מיר זעהער געטרייא.
זיין לייד׳ענשאפט איז נאר כלה — נא האט ער שוין דיא נאם,
דא וועט זיין א ליעבע, צום טויט לאכין מן הסתם! (ער לאכט)
איך זאג דיר אז איך דערמאן מיך אין יענער צייט,
האלט איך מיר פאר לאכין נאך יעצט ביא דער זייט! (ער לאכט)
געדיינקסטו, איידער מיר זיינען געווארין חתן כלה,
אין ווייננארטען, וויא מיר האבען זיך אונטערהאלטין אללע,
וויא איך האב אפ געגארט חנניה׳ן, אונ דיך אויסגעהאפט געשווינד!..
(דורך דעם צובעים ביסטו מיר באשערט מאקע אצינד!)
וויא ער האט זיך געשמיצט פאר כעס וויא א פעפערנאטער,
אז ער האט פלוצלונג ארומגיהאפט גאר דעם שווארצין קאטער
ה, ה, ה.

(זייא צו לאכין זיך ביידע — אין דעם דערהערען זייא פון וויטינס ציגנגיטאנגם שטימע ער ריטשעט וויא אבהמה אונ וויינט — זייא ווערין איבערראשט אונ הערען זיך צו)

אביגיל וואס רעוועט עפעס דאס ווילדע מהיר?

(צינגיטאנג קומט אריין וויינענד)

אבשלום ווער האט דיר עפּעס געטאָן ? וואס איז געשעהן מיט דיר ?

(צינגיטאנג וויינט)

זאג שנעלל! — רייד ארויס איין וואָרט! — (ער וויינט)

זאג! — ווארען איך מייט דיך דא אויפ׳ן אָרט! —

צינגיטאנג פּיצעלע — וויין — פּיצעלע — וויין — האם!

אָה, אָה, וואססער, אָה — באם, באם! — (ער וויינט אליין)

אבשלום וואס פאר אבאם ? —

צינגיטאנג באם, באם, (ער וויזט מיט דיא הענד אויף דער ערד, אין דעם לופט אריין

---

8 סצענע

דיא נאם (ברעכט דיא הענד) איין אומגליק, מיין ווירטהין, איך בין פארלארין!

עס האט זיך אויסגעגאסען אויף אונז גאטטעס צארין!...

איך שטעה אין גארטען, זעהן וויא מען באגיסט איהם אצינד,

אונ וויא איך שטעה נעבען ברוננען, אונ אויף דער האנד דאס קינד!

האט זיך דאס פּלוצלונג אויס געוועבעט פון מיינע הענט!

אונ איז אריין אין ברוננען, אין דעם מאמענט! —

אביגיל. געוואלד מיין קינד! — וויא ?

אבשלום. מיין קינד — אך! (ער פאלט אהנמעכטיג אויף דעם דיוואן)

דיא נאם. דארט — דארט — ס׳איז טויט —

אביגיל (ארויס געהנדיג) אָה רופ מיר דיא קלאג מוטטערס צו מיין נויט

זיא מיט דער נאם געהן ארויס)

---

10 בילד 9 סצענע

(אבשלום ליגט אויף דעם דיוואן אין קאנוואלסיווער בעוועגונג, צו צייטין הערט מען פון זיין ברוסט א טיעפען זיפץ — . דיא מוזיק שפּיעלט דיא מעלאדיע פון דער „שבועה" שטילל — אין דער מיט פון דער וואנד עפענט זיך א טאבלאה. אונטער

א בלויען גאז מיט מאַנדליבּט בעלייכטעט זעהט מען איין בילד :— דעם בּרונגען, עבען איהם דיא קאטץ, שולמית זיטצט אנגעשפארט טרויריג ביים בּרונגען אונ קוקט אויף דער קאטץ, זיא האלט זיא ארום — אויבען שטעהט אַ מלאך — מיט איין האנד וויזט ער אויף דעם בילד — מיט דער אנדערער — ווינקט ער צו אבשלום'ן ער זאלל קוקען)

אבשלום (פֿערווירט) הא ? — וואס איז דאס ? אמלאך ! ער ווייזט מיר !
וואס ווייזט ער ? — א בּרונגען ... א קאטץ... א מעדכין געבּין איהר !
שטעהט טרויריג ! ... וויינט ! ... ווער איז זיא ? ... זיא ווייזט
אוים באַקענט ?
דא ? (מיט אווילד גישרייא) שולמית ! שטיללער) — — הא ! דער מאַמענט—
(דאס בילד מאכט זיך צו)
יעצט איז שוין רעכט ! — דיא ווילדע קאטץ ! — דער בּרוננען ! —
ביידע זענען עדות ! — יעצט קוממט'ס מיר אויף דעם זינען ! —
זיא פֿאַרדערט ראַכע ? — אָה דיא שטראפֿע איז צו גרוים ! —
אונ אביגיל ? — — ! ניין, איך האלט עס ניט אוים ! — (פויזע)
דאס איז אַ פינגער פון גאטט ! — דאס איז זיין נבואה ! —
אָה גיטרייע שולמית, דוא ביסט אלין גיטרייא דער שבועה !
דוא פֿאַרערסט נקמה פון מיר ? — איך וועה, איך וועה,
דוא פֿאַרערסט מיך צום משפט ! — איך געה, איך געה,

(ער וויל זיך לאזען געהן טהוט ער אַ ציטטער אונ חאפט זיך צוריק, ווייל ער דערהערט דאס קול פֿון דיא קלאָג ווייבער וואס קוממען אריין)

10 סצענע

קלאגווייבער שרייט זשע ווייבער מיט מיר אין איינעם אַ יאמער אַקלאג !
אַזא אומגליק זאלל זיך טרעפין, צווייא אין איין טאג :—
שלאג זשע זיך אין קאפּ אַריין, שלאג !
אַזא אומגליק, אַזא ! צרה, אַזא ווייטעג, אַזא פּלאג ;
צווייא אין איין טאג !
אויף דיא קעפ שיט, אַש איך, ווייבער !

טהיט איך אן זעק אויף דיא ליבער ,
בייסט דיא האאר אזוי ! . .
איא אומגליק , אזא צרה , אזא וויטיג , אוי , אוי !
צוויא אין איין טאג ! — דיא וויבער פאסירן דיא ביהנע אביגיל טהיט א פאלל אויף דעם דיוואן — דאס פנים פארהילט מיט ביידע הענד און וויינט שמערצליך — פויזע ! — אביגיל חאפט זיך אויף ברעכט אויס מיט א געוויין

אביגיל אה גרויסער גאטט און וואס שטראפסטו מיך אזוי שווער ?
וואס האב איך אזוינס געזינדיגט ? אה , גרויסער הערר !

אבשלום בערוהיג דיך מיין טייערע — אמת ס'איז זייער שלעכט
נאר גאטט און זיין משפט איז תמיד גירעכט ,
נישט דוא ביסט שולדיג אין דעם אומגליק , ניין ! . . .

אביגיל אה אזא צרה האט קיינעם ניט גיטראפען , נאר מיך אליין
וואו האט מען נאך גיהערט אזא וויטיג א-א פלאג ,
צוויא קינדער זאלין שטארבין — אלין אין דעם זעלבין טאג !
דאס ערשטע פון דער קאטץ , דאס צווייטע פון דעם ברוננען . .
קיין אנדער וועג האט דער מלאך המות צו זייא ניט געפונען ?
אה אזא צרה איז דאך נאך ביי קיין מוטטער פערלאפין .
נאר ביי מיר , וועה איז מיר ! מיך האט עס גיטראפין ! . . .

אבשלום גאטטס משפט איז רעכט מען דארף זיך ניט קלאגין !

אביגיל פאר וואס קומט מיר דער משפט ? וואס קומט מיך צו פלאגין ?
וואס האבין זייא גיזינדיגט ? וועהמען וועסטו דערציילין !
דיא צווייא אומשולדיגע מלאכים , דיא צווייא יונגע זעעלין . .

(זיא פאלט איהם אויפן האלדז און וויינט)

אבשלום אה גענוג שוין אביגיל ! — עס איז שוין ניט צום אויסהאלטין !
הער אויף מיט דיינע ווערטער מיין פערוואונדעט הארץ צושפאלטין ! —
עס איז גענוג צערריסין פון גאטט'ס גיפטיגע פפיילין . . .
איך — יאה איך בין ווערט אללע מארטערן און קוואהלען !

אזא טרייא-ליעבענד הערץ וויא ביינס, אונשולדיג אונ פיין,
האט ניט פערדינט צו האבען אזא זינדיגען מאנן!...
וואס איז פאלש — אונ קען ברעכען איין היליגע שבועה!
יאה, איך בין דיר מודה, דוא געטרייע, דוא צנועה!
פערצייה מיר! -- דען נישט דיר געהערט מיין הערץ מיין לעבען,
נ י י ל — שוין לאנג האב איך עס איין אנדערער אוועק גיגעבין!

אביגיל (ערשראקין) וואס? — וואס הער איך? — וואס רעדסטו אבשלום!
רעדסטו ניט פונ'ם שלאף? — איז דאס ניט א חלום?.

אבשלום ניין — ס'איז קיין חלום, ליידער איז אמת וואס איך זאג —
צוויא יאהר איז פערגאנגען, (איך געדיינק נאך דעם טאג)
וויא איך בין מיט מיין קנעכט אויף דעם וועג געוועזן,
אונ האב מיך גילאזט קיין ירושלים אהיים צו געהן;
דער דארשט האט מיך געברענט — איך קום צו צו א ברוננען,
איך דערזעה — צו מיין שרעק — א מיידכין דארינען!..
זיא האט פערבלאנזעט אין דער וויסטע אונ אהין פערגאנגען,
ווען איך נעהם זיא ניט ארוים — וואלט זיא גיוועזן דארט דערגאנגען;
איבערראשט פון איהר חן, אונ וואס איך האב איהר גערעטעט
דאס לעבען,
האבין מיר זיך בשבועה אויף אייביג דיא הערצער גיגעבין...
אונ פאר עדות אז קיינער זאל ניט ברעכין דאס ווארט,
איז גיוועזן אווילדע קאטץ — אונ דער ברוננען דארט!...

אביגיל גאטט! וואס הער איך?

אבשלום אה, דיא פארשייטע קינדהייט, דיא אונבעוואנענע יוגענד.
קענסט מאכין פון האניג — גיפט! — איינדע — פון דער טוגענד?
בערוישט פון דעם שארפין גיטראנק, פון ציונ'ס פריילך גערידער,
פון דעם יומטובדיגען רעש — דער יונגפרויען שיינע ליעדער;
האט מיך פאר כישופט אין גארטין, דיין געטליך שיינע פיגור
אז איך האב אין יענער שבועה פארגעסין אין גאנצין גאר!

נעה! ווי גאטט שיינקט ניט, אז מען שווערט אין זיין נאמען דארט...
ער האט געשיקט זיינע עדות מיך דערמאנען אין מיין ווארט —
זיי ניט בייז, מיין טהייערע, מעססיג דיין געוויין!

(ער נעהמט אן איהר האנד,

דיא תשובה פון דעם חוטא, נעהמט אן אויך גאטט אליין! —.

אביגיל (צומישט ריקט זיך אפ פון איהם) אזוי — אזוי! האט׳ס הייסט׳ס
מיך געטראפין! —
אה אויף אזא שלאג — האב איך ניט גיקענט גאר האפפין —
אזוי! — איז עס אמת? — מעג איך׳ס מיר שוין גלייבין,
אז דיין הערץ האסטו איין אנדערער שוין פריר אוועק גיגעבין?
געגין יענער האסטו גע׳נדיגט?! — זיא מוז דאבע פערלאנגען? —
א:נ געגין מיר האסטו נאר אפעהלער בעגאנגען? —
פאר גאטט פיינסטו זיך אויס מיט דער תשובה? ס׳איז ניט שלעכט!
גיין, מיין טהייערער, נאר ניט פאר מיר ביסטו גירעכט!
אזוינע בעלי תשובות האט גאט פיל — ער שטעהט ניט אין דיר
און איך האב אויף דער וועלט נאר דיך — נאר איינער ביסטו
ביא מיר!...
נאר דיך האב איך געקענט, און קענן, און וועל אייביג קעננען!
דעם ערשטען פונק דער ליעבע האסט דוא אנגעצונדען אין מיר ער
זאל ברעננען!...
צוויא יאהר האלטסטו אויף דאס פייער אין שטארקע הייסע פלאמען,
ביז אונזערע הערצער זענין גיווארין צונאויפגעשמאלצין צו זאמען
אין דעם טיגעל פון ליעבע, טרייע און נאטור!...
ווילסטו איהם דען מיט איינמאל אליין צוברעכין גאר?
ווילסט זעהן ווי מיין צוגאפען הארץ רינט בלוט א.נ הייסע טרערין?—
גיין, גוטער אבשלום! אזוי שלעכט קענסטו ניט ווערען! —
אה! ניט אזוי גרינג קען מען צורייסין אזא קניפ א זא געזונדען,

וואס געוואנהייט און ליעבע האט צווייא הערצער פערבונדען!
אה ניין! אזא טרייע אביגיל געפינסטו ניט צווישן ווייבער!
דאס שווער איך דיר ביי אונזערע קינדערס טויטע ליבער!! —

אבשלום אה! מיין טייערע! גלייב מיר, אז אזוי ווי דיר קומט
אן שווער
פון מיר זיך צו שיידין — איז מיר נאך ערגער — מעהר! —
וויא גוט איז מיט דיר צו לעבין אין נחת און אין פריידין! —
וויא שלעכט וועט אונז אבער זיין, ווען איבער אונזער גן-עדן
וועלען אייביג העננגען שווארצע וואלקין פון שווערע קללות! . .
אנגעפיללט מיט דאננערענדער ראכע, שטראף און יללות?
אז דעם לויטערען הימעל פון גליק וועלין מיר ניע ערבליקען...
ניע וועט אונז דער מילדער שטראהל פון פריעדען דערקוויקען!...
זיא, וועט ניט דערלאזין, דיא עלענדע, יאה, זיא! —
דיא אומגליקליכע, וואס איך האב זיא גיבראכט דערצו...
זעהסטו, וויא זיא פאדערט שוין ביים שופט איהר רעכט — און
מיט רעכט!
און ביז איך וועל ניט געהן זיא מכפר זיין — וועט אונז אייביג
געהן שלעכט! —

אביגיל. (נאכדענקענד) געה — (ענטשלאססין) געה!

(ער וויל געהן זיא האלט איהם צוריק פעסט)

ניין, אבשלום, ניין דוא קענסט ניט געהן!
וועסט דיין אביגיל ניט פערלאזין, ניין — אה, ניין!
האסטו אויף מיר קיין רחמנות. וועל איך רחמנות נאך געפונען!
שטעה אויף דערוואכין קינד! און דוא, טויט'ס פונ'ם ברונען!!
רופט צוריק אייער מאמען! ער וויל אויף אייביג געהן,
און אייערע אונגליקליכע מוטטער וויל ער לאזין דא אליין! . .
לאזט איהם ניט אוועק! — איר קענט איך אייער רעכט פערלאנגען!!

ווייל דורך איהם יענט איהר יונג פון דער וועלט גינאנגען ! !

אבשלום (אלט איהר אריין אין דיא רייד) גענוג ! (ביעף בעוועגט)

אה שטארקער גאטט גיב מיר כח געשווינד !

איך זאלל קענען דעם מארטער איבערטראגען אצינד ; ! —

שטעלל מיך אונטער דעם שלאקסרעגין פון גיפטיגע פפיילען ,

שטעלל מיך הינטער דער פעסטונג געפעהרליכע ניילען ,

דיא גרעסטע געפאהר פון דער מלחמה איז מיר פיעל ליעבער ;

נאר שטעלל מיך ניט צו אזא נסיון — דא איז שווער צו זיין אגבור ! — (פויזע)

(געלאססין) גוט ! איהר האט רעכט ! איהר האט אללע דורך מיר געליטען !

יאה ! — אונ איך שטעה ווי א פערא‍ורטהיילטער צווישן איך אין מיטען ! —

איך בין מודה אליין ! — מיין חטא קען מיר קיינער ניט פארגעבין ,

איך — איך מוז מיר אליין , יאה , מיין משפט ארוים געבין . . .

קיין אנדער מיטעל זעה איך ניט ! — יא , גענוג געוויינט — גערעט . . .

קום שארפע פעדער ! שרייב דיר אונטער דיין דעקרעט ! . . .

(ער האפט ארויס זיין שווערד אונ וויל זיך שטעכין)

אביגיל (האפט איהם אן ביי דער האנד) שטעה ! נאר דאס ניט ! איך לאז דיך יעצט פריי ! . .

פערצייה מיר טהייערע . איך בעט דיך פערצייה !

פערצייה דעם הערצין , וואס האט דיך אזויא פיעל בעטריבט !

וואס איז דאס שולדיג אז ס'האט דיך אזוי שטארק געליעבט ?

עס איז מיר שווער געווען פריר — איך האב ניט געקענט . . .

נאר יעצט ! — יעצט איז מיר שוין גרינגער . . . אה , אין דעם מאמענט . . .

דוא קענסט נאך לעבין , ס'איז שאדע — זעה מיין ליעבע איז גרעסער

איך ווינטש דיר אללעס , וואס דיר קען נאר מאכין בעססער ! ,

גָעה ! רַייניג דיר דַיין שׁוֹלד ! נֶעהם אויף זיך קיין סַכָּנות...
און אֶפְשַׁר איז בֶּאֶמֶת אויף יֶענֶער אויך אַרַחֲמָנות —...
און איך, (ויא טהוט אַ זיפץ) בִּיז אִין מַיין טויט מַאך אִיך מִיר צום נֶדֶר:
מַיינֶע טֶעג נָאר אִין הֵיילִיגֶע תְּפִלּוֹת צו פַארבְּרֶענגֶען כְּסֵדֶר ! —
פַאר מִיר — פַאר דִיר—און פַאר דִיא נְשָׁמוֹת פון מַיינֶע קִינְדֶער (זיא וויינט)
גֶעה דִיר גֶעזונְדֶערְהֵייט אַבְשָׁלוֹם ! — גֶעה — גֶיךְ — גֶעשְׁווינְדֶער !

(זייא פאלען בײדע איינם דעם אנדערן ארום האלז און וויינען — ענדליך וועקט אויף אבשלום'ן דאס געווין פון דיא קלאָגווייבער — ער האפט זיך אויף און לאזט זיך לאנגזאם ארויסגעהן)

אביגיל (פאלט אויף דיא קניע) יָאה גְרויסֶער גָאטט, פֶערְבַּארְגִין זֶענֶען דַיינֶע וֶועגִין !
מִיר זִינְדִיגֶע טָארֶען אויף זִייא. קֵיין קֻשְׁיוֹת נִיט פְרֶעגִין —

וויא פערהילט דאס פנים און וויינט, דיא קלאָגווייבער מיט זייער פרירידיק ליעד קעהרען צוריק און אז זייא קוממען צו צו אביגיל'ן, נעהמט איינע פון זייא טהוט אידר אן אזאק און אַזוי מיט דעם קלאָג גיזאנג פירהרען זייא זיא ארוים לינקס)

II בילד II סצענע

(שטעלט פאר דאס ערשטע בילד פונ'ם דריטען אקט — נאר אויף דער ערד ברענט א פייער און עס קאכט זיך עפעס אין א קעסל — ארום דעם פייער זיטצען דיא פאסטעכער פון בית-לחם, א טהייל פייפען אויף פייפעלעך, א טהייל זינגען צו — דיא נאכט איז אויסגישטערענט, דיא לבנה שיינט — דיא פאסטיכער זינגען)

1.

דֶער וָואלְף דֶער יוּנְגֶער שְׁלָאפְט נִיט
פַאר גְרוֹים הוּנְגֶער שְׁלָאפְט נִיט,
אויף אַ צִיגֶעלֶע אַ גְרוֹים וָואם שְׁלָאפְט נִיט,
קוּקְט עֶר אַרוּים און שְׁלָאפְט נִיט:
צִיגֶעלֶע, פַאר וָואם שְׁלָאפְסְט נִיט?
אַרְט דִיךְ דָאם און שְׁלָאפְסְט נִיט?
אַ סִימָן הָאסְטוּ דָאךְ שְׁלָאף נִיט!

אז דיין פּאסטוך   שלאפט ניט! —

2.

דער בייזער טיגער   שלאפט ניט,
טהיט נאך קליגער   און שלאפט ניט,
ער ברוממט ניט ווען ער   שלאפט ניט,
חאפּען קען ער ווייל ער   שלאפט ניט.
דאס שעפּעלע שרעקט זיך   און שלאפט ניט
מיט מורא וועקט מיך   „שלאף ניט!"
פאר וואס בארוהט   דוא שלאפסט ניט?
איך היט גוט   און שלאף ניט! —

3.

און יענע חיה   שלאפט ניט...
איז זיך מחיה   און שלאפט ניט
גלאנצט דאס אייגעל   שלאפט ניט
שארפט די נאגיל   שלאפט ניט!...
גישט קשה, לייבען!   שלאפט ניט!
איך וועל אייך געבין   „א שלאפט ניט",
געדיינקט נאר גיט!   און שלאף ניט!
אז דער פּאסטוך היט   און שלאפט ניט! —.

עזבדיה. איהר האט גיהערט קינדער, וואס האט זיך פערלאפין?
וואס האט זיך יענע נאכט ביים שבן גיטראפין?

עזריאל. פון דעם טיגער מיינסטו? — וואס האט יענע נאכט
ביים שבן אין דער טשערעדע א־א רעש גימאכט?

עובדיה. דער פּאסטוך מעג גומל בענשין, וואס איז אזוי גליקליך
דער טיגער וואלט איהם גיוועהן צוריסען אויף שטיקלעך!
ווייל ס'איז ניט איינער, א גאנצע מחנה גיוועהן...
אליין וואלט ער אייביג ניט געקענט באשטעהן!

מיר האבּין פון דער ווייטינס דערהערט דעם וואלד ,
האבּין מיר דיא בויגינס אנגעשפּאנט באַלד ,
עטליכע האבּין אונזערע פּפיילין גיטראָפין ,
און דיא איבעריגע טיגערס זענען זיך צולאָפין -- ,

עזריאל (קוקט זיך אום) שאַט ! איך זעה עפּיס ריקט זיך פון ווייטין !

עובדיה (קוקט זיך צו) עס דאכט זיך דיר אוים ! עס איז אַ שאָטין !

עזריאל עס בּעוועגט זיך דאָך עפּים ... און אַלע מאָהל מעהר !

(אללע הייבין זיך אויף)

דאכט מיר עס ריקט זיך נאָך נעהענטער אַהער ! —

איינער יאָה ! — איך זעה אויך , קינדער , טראַכט ניט קיין סך !
גרייט אן פייל און בויגין און שטעהט אויף דער וואך ! —

(אללע קוקין אין דער רעכטער זייט)

עובדיה נאָ פרעג איך אַייך ? זענט איהר ניט קיין נאַרנים ?
עס איז מענטשין ! — איך וועט מיט אייך — מיט אַלע סימנים !

עזריאל יאָ איך וועט ! —

עובדיה — — — נאָ לייג אַיין דיין רויטע קוה !
און אַז איך וועלל געווינען ? קינדער , שלאָגט צו ! —

איינער איך זעה אויך מענטשין — זייא זענען צוויא ...
זייא לאָזין זיך צו געהן אַהער ! — אַט זעה !

עובדיה אַנאָ עזריאל , אַנאָ קוק דיך צו .
נאָ ? וואס זאָגסטו יעצט ? — אַהער גיב דיא קוה !

12 סצענע

(אבשלום מיט זיין קנעכט קומט אריין רעכטס — נייגט זיך פאר זייא)

אבשלום עס זעגענט אייך בּרידער , דער אלהים חיים ,
איך בּין אַ וואַנדערער , איך געה פון ירושלים
איך בּין אַ יוד , מיין נאָמען איז אַבשלום ! —

אללע השלום לך , אבח , שלום לך — שלום ! —

אבשלום קיין בית לחם איז מיין וועג — זאגט עהרליכע לייט,
דאב איך נאך ביז אין שטאט צו געהן עפעס ווייט? —

עובדיה זייא געבענטשט פון גאטט! יאה, ס'איז נאך ווייט אהין;
וועטין דך מיט אונז דא דערוויייל אויסרוהען,
עס איז יעצט שפעהט! — בלייב דא ביז אין דער פריה,
און מארגין שטעללין מיר דיך קיין בית-לחם צו;
דערווייל בעטין מיר דיך, זאללסט אונז ניט אפזאגין,
טהייל מיט אונז אונזער נאכטמאהל, וואס מיר פארמאגין. —

ציגניטאנג עסע, עסע! אה —

אבשלום דאס איז מיין קנעכט דער ווילדער, מיין גיטרייער היטער!
איהר מענט איהם גיבען קאכין — ער איז א קאך א גענימטער!

(זייא ווייזען איהם אהן צום טעפיל וואס קאכט זיך ציגניטאנג שפרינגט פרייליך צו — דרעהט מיטן לעפיל בריהט זיך אפ און שרייט — נאך א לאנגע פויזע ווענדעט זיך צו זייא)

אבשלום קענט איהר מיר ניט זאגין — הא! ס'איז מיר אראפ פון מוח
איינעם — איינעם אין בית-לחם, מיט זיין נאמען — יאה מנוח!

עזריאל ווער? מנוח? — דער אלטער? אה איהם קען אקליין קינד!
עס קלינגט מיט איהם דאס גאנצע שטעטיל אצינד —

אבשלום וואס איז אזוינס? —

עובדיה אויף איהם איז אויסגיגאסין געביך דער צארין פון גאטט;
איין און איינציגע טאכטער האט ער גיהאט —

אבשלום (אונגעדולד) איז וואס? נא נא — זיא לעבט? —

עובדיה הלואי וואלט זיא ניט געלעבט וואלט גיוועזן פאר איר בעסער
דאס אומגליק איז אבער נאך גרעסער און גרעסער
וואס זיא לעבט, און מוטשעט זיך געביך ס'איז א רחמנות;
זיא איז משוגע! שלאגט, פילדערט, שרייט מיט סכנות! …
איהר משוגעת איז נאר עפעס: קאטין — ברוננען! —
נאך ביז יעצט האט זיך קיין רופא געפונען

ער זאלל זיא קעננען פון דעם משוגעת אויסהיילין —.

איהר ציטערט ? — וואס ? עס שרעקט אייך מיין דערציילין ?

אבשלום (וויינט) אה שולמית ! — אה, געטריי אונשולדיג קינד !

איך בין שולדיג אין דיר — אין מיר ליגט דיא זינד ! — —

דוא עהרליכער מלאך ! — אדאס הייסט געטרייא ! —

יאה, איך בין דער רשע, איך געשטעה׳ס פרייא ! —

צו ווייניג האסטו מיך בעשטראפט, גאטט גערעכטער !

טייט מיך ! — איך בין דער רשע ! — איך בין דער שלעכטער

(אללע קוקען איהם אן אונ שטוינען וויא ער וויינט)

געוואלד ! יודישע קינדער איך בין פערלארין

(ער וואנקט — זייא האפין איהם אונטער)

אללע וואס איז מיט דיר אזעמער וואנדערער געווארין ?

אבשלום (פאר זיך) אזויא פיעל נפשות האבין אונשולדיג געליטען איבער מיר !

ווארט שולמית דיין בעל תשובה לויפט קניען פאר דיר !

(ער וויל לויפין — זייא האלטין איהם צוריק)

עובדיה מיר בעטין דיך ליעבער מענש, דוא זאלסט אונז זאגין

וואס ביסטו עפעס אזוי שטארק צוטראגין ? —

אבשלום (געלאססין) גאר ניט ! איך בין ארופא, איך קען זיא קורירען,

קענט איהר מיך ניט יעצט צו דער קראנקער פיהרען ! —

עובדיה ניין ! — יעצט איז שפעהט — זיא שלאפט — מען דארף זיא ניט שטערען —

געדולדיג דא איבער — אונ מארגין אז ס׳וועט טאג ווערען,

וועל איך אליין מיט דיר געהן דיא בשורה אנזאגין :

דערוויל רוה דיך אויס — אונ זייא ניט צו טראגין,

טרינק פרישע מילך עס וועט דיר ערפרישין דיא גליעדער ! —

אונ פאר טרייב דיין מרה-שחורה מיט אונזערע ליעדער ! —

(אללע לייגען זיך אוים אויף דער ערד נעבין פייעריל — אבשלום אין טרינקט פון א קריגעל מילך וואס אפאסטוך האט איהם צו געטראגין

קאלט אליץ — ברידהט זיך אפ, שרייט, אונטערהאלט זיך מיט דיא פאסטוכֿער — טהייל פֿון דיא פאסטוכֿער שפיעלען אויף פֿייפֿעלעך, און אטהייל זינגען)

קאהר פלאקער, פייעריל, פלאקרי!
קנאק און פריילין צו,
לייכט אונז צו ביז אין דערפריה;
דער בויער רוהט ביים אקער,
דער פאסטוך — ביי זיינע פיה,
יעדען איז ליעב זיין מיה —.

1.

איינער לייגט זשע צו האלץ! —
מיר מעגין ניין שטאלץ,
פריילין טאנצען אין קאהן;
וויל פאסטעכער אליין,
זענען דאך געוועז
אונזערע אבות פון אייביג אהן! —
קאהר פלאקער פייעריל א. ז. וו.

2.

איינער דאס פעלד איז אונז ליעב
דיא לופט אין דער שטוב
הלעבין איז אומגעזונד;
דאס דערציילט אייך אלדינג,
אייער אייגענע לינג,
אז זיא באקומט נעביך
דיא קראנקע וואונד!...
קאהר פלאקער פייעריל א. ז. וו.

3.

איינער דיא גרויסע שטאדט,
שאט אסך, שאט!
דער חשק, דיא באגה, דער ניין!
דער טריקענט דעם כח...
דיא בארט דער מח...
דער טרייבט יונג אין דערערד אריין!
קאהר פלאקער, פייעריל א. ז. וו.

(דאס לעצטע קאהר זינגען זייא שוין האלב שלאפֿענדיג — זייא בייגען אן דיא קעפ און ווערען ענטשלאפֿין — נאר ווייא א ווידערקול הערט מען נאך דאס פֿייפֿעלע — דיא לבנה פֿערגעהט אין נעבעל — פֿון איין זייט הייבט נאר חאס אן צו טאגין)

(דער פארהאנג פאלט לאנגזאם.)

פירטער אקט

12 בילד 1 סצענע

(שטעלט פֿאר דאס אוינ.... צימער פֿון דעם אלטין מנוח — אויף א קליינעם דיוואן ליעגט שולמית קרענקלין, שוואך, צו צייטין רייסט זיך ארויס פֿון איהר ברוסט א שווערער זיפֿטץ — נעבען איהר אויף אקליין טישעל שטעהט א קאגיץ און צאנקט, איינגע רפֿואות שטעהן אויך דארט — מנוח זיצט בייא איהר צוקיאפֿ נס — טרו ריג ווישט ער זיך דיא אויגין — ער הייבט אויף דיא הענד צו גאטט און וויינט)

מנוה גאטט זעה אליין ! — וועהמען דוא ווילכט דא גאר געווינען ?
גאטט זעה אליין ! — וועהמען צו מוטשען דוא האסט געפונגען ?
וואס איז דער מענטש ? — אביסעל שוים !
וואס בלאזט אוועק דער קליינסטער ווינד...
וואס איז זיין לעבין ? — א קורצער טרוים ,
וואס ווערט פערפלויגין , גיך אונ געשווינד ! —
גאטט זעה אליין ! ווען איך האב געזינדיגט פאר דיר ,
גאטט זעה אליין ! — וויא איך בעט דיך זייא מיר מוחל — זייא מיר !
נעהם אראפ פון מיר דיין שווערע האנד ,
זינדיגען וועל איך שוין ניט מעהר !...
אויסהאלטין בין איך אומשטאנד !
אוי !— דיין שטראף איז דאך זעהער שווער ! — (פויזע)

שולמית (טהוט א קרעכטץ) אוי ! — —

מנוה אוי איז מיר אונ וועה ! טאכטער , ביסט אלץ פארטראגין ?
וואס פעהלט דיר ? ווילסט אלץ דיין טאטין ניט זאגין ? —

שולמית ברענג מיר , גוטער טאטע , אביסעל וואסער אהער !
עס טריקענט מיר אין מויל , דיא ברוסט ברענט מיך זעהר ?

מנוה איך וויל דיך אבער ניט איבערלאזין אליין —

שולמית האב ניט מורא , טאטע , עס וועט גאר נישט געשעהן ! —

מנוה וועסטו שוין אבער רוהיג זיין ? זאל איך דיר גלייבען ?

שולמית זייא רוהיג ! —

מנוה רוהיג ? — איך געה ! — וועה איז צו מיין לעבין (אב)

2 סצענע

שולמית (אליין זינגט , ליגענדיג , מיט א גאנץ שוואכער שטיממע)
גאטט זעה אליין ! — וועהמען דוא ווילסט דא גאר געווינען !
גאטט זעה אליין ? — וועהמען צו מוטשען דוא האסט גיפונען (א ויפין)
וואס איז דער מענש ? — אביסעל שוים !

וואס בלאזט אזוועק דער שנעלסטער ווינד ,
וואס איז זיין לעבין ? א שנעלער טרוים ,
וואס ווערט פערפלויגין גיך און געשווינד ! (זיא קרעכצט און הילט איין
מיט א געוויין איהר פנים אין קישען)

אבשלום (עפענט פון דרויסין דאס פענסטער און קוקט אריין נייגיריג)
דא וואוינט זיא ! — אה גאטט דאס איז זיא ? ! —
אך וויא פערענדערט ! (ער וויל הויך רעדין און חאפט זיך צוריק) ניין ש
שנעלל ! צו פריה !
דיא איבערראשונג קען זיא נאך קריינקליך ערשרעקען ! —
עס קען איהר נאך שאדען ! — לאנגזאם מוז מען זיא וועקען ...
לאמיך מיך צו הערען — וואס ליגט זיין זיננען ביי איהר ...
צו דערמאנט זיא נאך מיך ? וואס דיינקט זיא פון מיר (ער הערט זיך אונטע־)

שולמית א חלום ! — יאה א חלום ! אללעס איז יעצט שטילל ארום מיר !
איך האב יעדין פערטריבין ! — קיינער קומט ניט צו צו מיין טהיר !
פערפישופט האב איך דאס ארט — מיט מיין היילינגער שבועה ...
און מיין טאטע גיט מיר א רפואה נאך א רפואה !
וואס קען העלפען זיינע מיטלען — אז ער קען ניט טרעפין מיין קריינק ...
און וואס קען ער מיר העלפין — ווען ער זאלל שוין וויסען אז איך ביינק ! ...
אויך מיין טשערעדע , מיינע שעפעלעך וואס איך פלעג נחת אין זייא קלייבען ,
קעננען מיך יעצט ניט צערשטרייען , מיין מרה־שחורה צו פערטרייבען ..
אז אין יעדין אונשולדיגען שאף וואס לעקט דעם פרישען טאוי
זעה איך א ווילדע קאטץ מיט איהר גרילצענדיגען „מיוא״
איך שעהם זיך פשוט יעצט אויף דיא בערג ארויפצוגעהן ,
אז דיא פריהמארגען זון , וואס איז געוואוינט מיך מונטער צו זעהן ,
זאלל מיך יעצט ניט בעגעגענען מיט פערוויינטע אויגען ! ...

זיא וועט אַלאָך טהין ! — אונ זיך ווייטער אַוועק טאַנצין אויף איהר בלויען בויגען ! —

דאס שטילע וועדעלע, וואס פלעגט אַנהאַלטין דעם אָטעם פריר,
צו צוהערין זיך אויפמערקזאם צו דעם נגון פון מיין שיר,
וועט פאַרדרעהן דעם קאפּ — אונ טרעסען מיט דיא גרינע אויערען ;
אַז מיין קרעכצין, אונ זיפצין, זאל זיא ניט דורכבויערען !
וואס זאלל איך טהין ? איך קען פריילינגס היינט ניט זינגען
נאר צום טרויריגען — האט מיך דאס שיקזאל היינט בעדינגען !...
דאס איז מיין נגון ! — איהר מעגט הערין — אָדער ניט !
מיר געפעלט ער שטארק — — מיר געפעלט ער ניט : — (זינגט)
אָה דער ברוננען, אָה דער
אונ דיא קאַטצע, אָה דיא אָה

אבשלום (פון דרויסן ווידערהאָלט זינגענד) אָה דיא אָה !

שולמית (הערט זיך רוהיג צו צום ווידערקול אונ רעדט צו פרידען)
דאס ווידערקול ! יאָה, דאס איז מיין איינציגער גוטער פריינד
וואס איז נאך געבליבען מיך צו טרייסטין היינט (זיא זינגט ווייטער)
„זאללין זיין וויא איך שווער
עדות צו אונזער שבועה :

אבשלום (זינגט פון דרויסן) שבועה ! —

שולמית (הערט זיך צו צו דער שטיממע) זינג מיר נאך ווידערקול,
העלף מיר מיט ! העלף מיר מיט !
דוא מאכסט מיר נאך אפילו זיין שטיממע אין דער מינוט (זיא זינגט)
„אַז ווער נאר פון אונז וועט ברעכען דאס וואָרט "

אבשלום (אין דרויסן זינגט) וועט ברעכען דאס וואָרט !

שולמית (צופרידען) נאַטירליך ! — אָבער נאַטירליך וויא זיין שטיממע אַליין
זינג מיר נאך, ליעבער פריינד זינג נאך, בלייב נישט שטעהן (זיא זינגט)
זיא אַליין זאללען דאָרט   (דאָרט !)

פֶערלאַנגֶען אויפ'ן אֶרט (אויפ'ן אֶרט)
ראָבֶע ! ראָבֶע !

אבשלום (פון דרייסען מיט א געוויין) יאָה ראָבֶע ! ראָבֶע ! דיא בִּיטֶערֶע ראָבֶע
זיא איז שוין גֶעוועֶן (ער פאלט)

שולמית (איבערראשט האפט זיך אויף) הא ? — וואָס הֶער איך ? —
צו דאכט זיך מיר ? — דאָס איז וויא זיין שטימֶע אַליין ?
ניין ! דאָס איז נאָר דיא איינבילדונג , פון מיינע גֶערוועֶע דיא
שוואַכֶע ! — (נאכדענקענד)
דאכט מיר ! — איך האָב דאָך גֶעהֶערט פון זיין איינֶען מויל ,ראָבֶע די
ניין , מיין ליעבֶער , איך פאָדער שוין קיין נְקָמָה , ניין !
אָבִי קום נאָר צו מיר — לאָמיך דיך נאָר זֶעהֶען

3 סצענע

(און ווערענד זיא הייבט זיך אויף צוגעהן צו דער טהיר פאלט אידר ציגיטאנג אריין אין דיא הענט) :

ציגיטאנג אָה , אָה , מיידֶעל , א זֶעלְכֶס אַזוינס — נֶע אַוועֶק !

שולמית (שטוינענד) הא ? דאכט מיר זיין בֶּעדִינְטֶער ? — וואס
גֶעהט דא פאָר מיט מיר א שרעק ! (שטאמלענד)
וו—וו—וו—וויא—קומסט דוא א—א הֶער ?
וו—וו—וו—וו א איז ד—ביי—ן—הֶערר ?

ציגיטאנג (קרימט זיך נאך) וואָ וואָ וואָ — חֶ חֶ — זיא קֶען ניט נייעס
אָה אָה (לאכט)

שולמית וואו איז דיין הערר ? — טויט ? — לֶעבְּט ? — יאָה ? —

ציגיטאנג ניין פיצעלע — האם — באם — טויט — ניין ! —

שולמית (ערשראקן) וואָס ? — — טויט ? — — —

4 סצענע

אבשלום (פון דרויסן) ניין , ער איז ניט טויט , ער לֶעבְּט ! ער איז ביי דיר !
(שולמית טויט אגישרייא אוי)

אבשלום (אריינגעהענדיג) גֶעהם צו דֶעם בַּעַל תְּשׁוּבָה איך בעט מוחֵל זיין מיר
(ער פאלט אידר אויפן האלז וויינענד) (פוויע)

צינגיטאנג (וויינט אויך) מיר אויך, מעלעכם — אַזוינס — נאָך מיידעל נאָך מיידעל!

אבשלום ביסט שוואך? ביז צומישט? נײן ביסט נישט משוגע!
איך האב אַלעס געהערט — דאס איז קלאָרע ווערטער קלוגע!
נא געגנוג געוויינט! אבי מיר זעהן זיך אין א גוטע שעה,
ביסט נישט בייז זאג! ביסט קראַנק? נא געגנוג געוויינט נא!

שולמית (וויינענד) נײן — איך בין ניט קראַנק — איך בין ניט בייז אויף דיר! (פויזע)
ווערסט שוין מעהר ניט אַוועק? בלייבסט שטענדיג ביי מיר?

אבשלום קיין צווייפעל שולמית — פארגעס אין דעם חלום!
אייביג בלייב איך דיינער — אייביג איז דיינער אבשלום!

וויא אומארמען זיך — אין דעם קומט אריין מנוח לינקס מיט א קריגעל וואססער אין דער האנד פערטראכט)

13 בילד 3 סצענע

מנוח נא דיר וואססער מיין קינד!

צינגיטאנג (שפרינגט צו, חאפט דאס קריגעל) וואססער, וואססער!

מנוח (הייבט אויף דיא אויגען ערשראקען — און פרעגט שטוינענד) וואס איז דא, וואס איז?

אבשלום (געהט צו געלאססען) איהר זענט דער אַלטער רבי מנוח גיוויס;
א רופא מומחה בין איך, איך האב געהערט פון אייער אומגליק דערציילין,
בין איך געקוממען אהער אייער טאכטער אויסצוהיילין! —

מנוח דער גרויסער גאטט זאל אייך שיקען דערפאר לאַנג לעבין! —
אומזיסט אָבער, גוטער מענש, האט איהר אייך מיה גיגעבין!
דען וואו ס'איז נאר דא אמיטעל אין דער וועלט האב איך פראבירט
וואו ס'איז דא ארופא אין דער וועלט האט זיא קורירט
אומזיסט! — נאר — טא, פריווט! — פריווט נאך אייער רפואה
אפשר וועט גאט דורך אייך — איהר צושיקען דיא ישועה!

אבשלום מיטעל איז נייא, איך הייל נאר מיט מיין שפראך!...

דעם שכר פאר דער מלאכה וועל איך פאדערן בייא איך דערנאך
איך וויים אז פאר אייער קינד'ס געזונד וועט איהר אין קיין זאך
ניט שטעהן

אז איך וועל זיא געזונד מאכן פאר אייערע אויגן אליין ! —
איהר שווייגט נאר , שטעהט דא אויפן ארט
אונ הערט וויא זיא זאגט מיר נאך יעדעסווארט — .

אבשלום (פאנגט אן צו זינגען דיא שבועה — שולמית זינגט איהם נאך) צום שלוסס יעדעס ווארט ביז ביים דועט בייא דיא ווערטער „דאס וועט אבער קיינמאהל ניט געשעהן” נעהמען זייא זיך ארום — אונ ביז אין שלוסס אומארמען זייא זיך ביידע (פויזע)

צינגיטאנג (צו מנוח'ן) מיר אויך זיינס א זעלכם !

מנוח וואס ? איך זעה מיין קינד געזונד , וויעדער אויפלעבען (מונטער)
זאג , ווער איז דער מלאך ? אונ וואס פאר א שכר
קומט איהם — יאה , וואס ווינשטו דער פאר ! —

שולמית אדאס איז מאטע דער דורך וועמען איך בין אראפ פון זינען !..
אדאס פלעג איך אלץ שרייען ! „קאטצע אונ ברוננען !”
איך האב'ס אומיסטען געטהין — קענען דיא חתנים מיינע ,
נייל איהם האב איך געשוואירען טרייע — שוין לאנג בין איך זיינע ,
דאס איבעריגע וועל איך דיר שפעטער דערציהלען ,
פאר וואס נאר ער האט מיך געקענט אויסהיילען ! —

אבשלום אונ איך וואס פאר א שכר קען איך פאדערען בייא איך ?
איהר זענט גאר ניט אימשטאנדע מיר צו געבין אזא סך ,
וויפיל איך וואלט באדארפט פאדערן פאר אזא מלאכה ;
איך שיינק איך אלסדינג — נאר גיט אונז אייער ברכה ! —

מנוח מיין ברכה איז ווענינג — דען וויא איהר זאגט איהר געדיינקט
האט איך גאטט זיין ברכה לאנג שוין געשיינקט ! —
יעצט דארפען מיר קיין אויגענבליק ניט פערזאמטען
קיין ירושלים געהן מיר שנעלל אללע צוזאממען.

קָרְבָּנוֹת מַקְרִיב זַיין מוזען מִיר יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶער
אִיךְ פַאר מַיין נֶדֶר — אוּנ אִיהְר פַאר אַייךְ, קִינְדֶער,
אוּנ ווייל ס'אִיז גְרָאד יוֹם טוֹב וֶועל אִיךְ מַאכֶע דָארְט
אַייֶער חוּפָּה מִיט אַ שִׂמְחָה מַאכֶען אוֹיפְן אָרְט

(ער קושט זייא ביידע — ציגנגיטאנג טהוט איהם נאך)

ציגנגיטאנג מִיר אוֹיךְ מַיידֶע, מִיר אוֹיךְ קוּשׁ! אָה!
אבשלום גִיבֶּען גִיבֶּען, טַאנְץ דֶער טַייל — יָאה, יָאה! —

(אללע זינגען א קווארטעט)

אַךְ וִויא בִּין אִיךְ פְרֵייליךְ אוּנ עֶנְטְצִיקְט,
אַז גָאט הָאט מִיךְ אַזוֹיא בֶּעגְלִיקְט,
אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט מֶעהר גֶעדַאכְט,
הָאט מִיר גָאטט דִיא הִילְף גֶעבְּרַאכְט —
צוּ צוּלֶעבֶּען אִיז שׁוֹין יֶעצְט כְּדַי,
ווייל מִיר לֶעבִּין וִוידֶער אַ יְפַס נַייא,
אוּנְזֶער שִׂמְחָה הָאבֶּען מִיר שׁוֹין צוּרִיק,
לָאז גָאטט גִיבֶּען אַז ס'זָאל זַיין מִיט גְלִיק — .

(אין דיא מאמענטין פונ'ם זינגען פאלט צו ציגנגיטאנג מיטען פייקיל אונ טאנצט — אללע געהען ארויס)

(צווייטער פארהאנג לאזט זיך אראפ)

14 בילד 6 סצענע

(דיא מוזיק שפיעלט א מארש — אין דער מיט בלייבט זיא שטעהן — מען הערט פון אונטער דער פארהאנג דאס קאהר זינגען)

פַאר גִיעבּ דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל זַיינֶע זִינְד!
דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטִין קוּמְט עֶר אַצִינְד,
מִיט טְרֶערִין זַייעֶר פִּיל
זִיךְ בּוּקֶען פַאר דַיין שְׁטוּל,

כהן — אַז אִיךְ דֶערְמַאן דֶעם נָאהְמֶען אֱלֹהִים
נִיט זֶשֶׁע אַלֶע מִיט מִיר אַשְׁבַח צוּ אִיהם

זינגט אַללֶע אַזוי, בָּרוּךְ וּבָרוּךְ שְׁמוֹ —

(קאהר ווידערהאלט דיא סאלא — מוזיק שפּיעלט ווייטער מארש)

15 בילד 7 סצענע

(דער צווייטער פֿאר האנג הייבט זיך אויף — עס שטעלט פֿאר— דרייא אבטהיילונגען פֿון טעמפעל — אין דער ווייטער טיפֿע זעהט מען ברעננען דיא מנורה, דעם טיש פֿערגאלדעט מיטן לחם הפנים, פֿאר דעם פֿארהאנג פֿון קדשי קדשים היינגט א נר תמיד פֿון אויבען, בייא דעם מזבח, אין דערמיט, וואס א פֿייער ברענט שטעהט דער כהן גדול מיט דעם אזוב אין דער האנד, ארום איהם שטעהן כהנים — לוויים מיט כלי זמר, אונ קליינע כהנים׳לעך מיט גילדענע קריגלעך אין דיא הענד, הינטען אין דער עזרה פֿון פֿאר דיא ביהנע שטעהט דער עולם מיט פֿאהנען אונ פאקעלען מיט אתרוגים אונ לולבין אין דיא הענט — אין דערמיט דער כיור — שפריצט וויא א פֿאנטאן — דיא קאלאנען זענען מארמאר, פֿערגאלדעט מיט פֿערשיעדענע קאלירנדיגע פֿארהאנגען.

(אז דער פֿארהאנג געהט ארויף זינגט דאס קאהר ווייטער)

קָרְבָּנוֹת אִיז מֶען מַקְרִיב גָאטט פַאר דִיר
תְּרוּמָה הָאט מֶען אוֹיף דִיא זִינְד פוּן פְרִיר
אוּנְזֶער גֶעבֶּעט דֶערהֶער
גָאטט אוּנְזֶער הֶערְד!
אַז אִיךְ דֶערמַאן דֶעם נָאמֶען אֱלֹהִים
גִיט זְשֶׁע אַלֶע אַ שֶׁבַח צוּ אִיהם
זִינְגְט אַלֶע אַזוֹי
בָּרוּךְ וּבָרוּךְ שְׁמוֹ

8 סצענע

(קאהר ווידער האלט דיא סאלא — דיא לוויים, טאנצען אף זייער טאנץ — קומט אין פנוח מיט אבשלום׳ן אונ שולמית פֿייערליך געקליידעט — אבשלום שטעלט זיך רעכטס צום מזבח אויף דיא קניע אונ שולמית לינקס אויף דיא קניע — דער כהן לייגט ארויף אויף זייא דיא הענד אונ בענשט זייא)

דֶער גָאטט וָואס הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אַלֶע
דֶער זָאל בֶּענְטְשֶׁען, דֶער זָאל בֶּענְטְשֶׁן חָתָן כַּלָּה,
עֶר זָאל שִׁיקֶען, עֶר זָאל שִׁיקֶען, פוּן דֶעם הִימֶעל הוֹיךְ
פִיל בְּרָכָה, אוּנ הַרְוָחָה, אוּנ הַצְלָחָה אוֹיךְ (קאהר ווידערהאלט)
קינדער קאהר מַזָל טוֹב, מַזָל מַזָל טוֹב!
פִיל בְּרָכָה, אוּנ הַרְוָחָה, אוּנ הַצְלָחָה אוֹיךְ

(דאס קאהר זינגט אפ — אבשלום מיט שולמית'ן שטעהן אויף, דער פאטער מנוח פיהרט זייא ארום, ארום דעם מזבח — דער גאנצער צוג מיט דיא פאהנען מיט דיא כהנים מיט אללע אין איינעם מאכען איין הקפה ארום דעם מזבח דורך דיא קאלאנען-וועהרענד אללע זינגען הויך מונטער)

גיט א שבח!
זינגט אללע גלייך!
זינגט נאר אללע ווער נאר כח האט —
גיט א שבח,
זינגט אללע גלייך,
מיר האבען א גרויסין גאטט,
פריילעך, אללע יודעלעך אין איינעם,
גאט האט אונז מוחל געוועזען אונזערע זינד
עמפפאנגען וועלען מיר דעם יום טוב דעם שיינעם.
זינגט, טאנצט, שפיעלט, פרייט איך אצינד
אויסגעוויינט האט יעדער זיינע שמערצען,
גוט, גוט, פון דעם גאנצין הערצען.
אונזער בקשה האט גאטט געהערט שוין לאנג.
לאמיר איהם אללע דאנקען מיט געזאנג
אללע דאנקען,
מיט רייני געדאנקען
געבענטשט זאל זיין, זיין נאמען יאה, יאה.
כל הנשמה תהלל יה, הללויה! —.

(פארהאנג פאלט לאנגזאם)

ענדע

А. Гольдфаденъ.